№ 52 [illegible] [illegible] פרייז 20 גראָשן. „CZENSTOCHOWER CAJTUNG"

טשענסטאָכאָווער צייטונג

Bibljoteka Jagellońska
Kraków
Św. Anny 19

אַנאָנסען-פרייז פאַר א מילימעטער-שורה:
פאַרן טעקסט 40 גראָשן — נאָכן טעקסט 25 גראָשן
אין טעקסט 30 גראָשן.
[illegible] 8 אַנאָנסען [illegible].

ערשיינט יעדן פרייטאָג.
רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע:
ערשטע אַלעע 6. — טעלעפאָן 201.

אַבאָנעמענט-פרייז: א נומער 20 גראָשן.
[illegible] פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע:
CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 201.
[illegible]

Piątek, dnia 25 grudnia 1931 — ליכט-צינדען 3.07 — פרייטאָג, פ' ויחי ט"ו טבת תרצ"ב.



Złoty medal na wystawie w Katowicach 1927 r.
Przedstawiciel na okręg Częstochowski:
I. Lewkowicz, Częstochowa, Narutowicza 15

צו דער חתונה פון מיין ליבער איינציגער און טייערער טאָכטער **רחל'ע** מיט ה' **משה חיים טיבערג**, וועלכע איז פאַרגעקומען דינסטאָג אין ירושלים, ווינש איך א הערצליכען מזל-טוב און א גליקליך, צופרידען צוזאַמען-לעבען.
דיין מוטער **אלטעלע שוואַרצבוים.**

מזל-טוב און א בליהענדע צוקונפט ווינשען דיר, אונזער ברודערן-טאָכטער און קוזינע **רחל'ע** צו דיין התונה מיט **משה חיים טיבערג** אין ירושלים. זייט גליקליך אין אייער צוזאַמענבינד.
מאכעל שוואַרצבוים, משה דוד קאַנסענס
און משה שאַלאוויטש און פאַמיליעס.

צו דער חתונה פון אונזער ברודערן-טאָכטער און קוזינע **רחל'ע שוואַרצבוים** מיט ה' **משה חיים טיבערג** אין ירושלים, ווינשען מיר דאָס אייער צוקונפט זאָל זיין א גליקליכע און צופרידענע.
יעקב שוואַרצבוים, דוד בּאַרענשטיין,
דן קאַרנבערג און פאַמיליעס.

א הערציגען מזל-טוב ווינשען מיר אונזער ברידערן טאָכטער **רחל'ע שוואַרצבוים** מיט ה' **משה חיים טיבערג**, וועלכע איז פאַרגעקומען אין ירושלים, זייט גליקליך אין אונזער אַלט - ניילאַנד.
מרדכי שוואַרצבוים און פרוי,
יצחק שוואַרצבוים און פרוי,
יוסף שוואַרצבוים און פרוי.
טשענסטאָכאָוו.

צו די ג' קונדשאַפט!

איך בין מודיע די ג' קונדשאַפט, אַז מיין ערשטקלאַסיגע ווערקשטאַט פון
דאַמען = בעקליידונג
וואָס האַט זיך געפונען אויף וואַרשאַווער 30 **איז איבערגעטראָגען געוואָרען**
אויף **בּערעק=יאָסעלעוויטש גאַס 2**
(פריהער אַגראַדאָווע 15)
און עמפּפעהלט זיך ווייטער די געעהרטע קונדשאַפט
מיט אַכטונג:
א. פּיליכאָווסקי
בּערעק-יאָסעלעוויטש גאַס 2,
צווייטער שטאָק, פראָנט.

א רוטינירטער בּוכהאַלטער
בּעזיצט פרייע שעה'ן
נעמט אויף אָן צו פיהרען ביכער צו זיך אַהיים פאַר צוגענגליכע פרייזען
ערקינדיגען זיך אין רעדאַקציע פאַר ה.

Nauczycielce naszej pannie **Ance Ajzykiewiczównie** z powodu zgonu B. P. **Jej MATKI** najszczersze słowa współczucia składają
uczenice dokształcającej szkoły zawodowej.
Grupa III-cia.

2 קעלער שטיבּען
אויף א ווערקשטעל אָדער אויף סקלאַדעס
מיט עלעקטרישע בעלייכטונג
שוין צו פערדינגען
אויף גאַריבּאַלדי 26 (פריהער ספּאַדעק 3).
ערקונדיגען ביי: מ. ל. שומאַכער, נייער מאַרק 5.

א מעבלירט צימער מיט א בּעזונדער איינגאַנג ווערט געזוכט
מעלדען אין רעדאַקציע.

דערמיט דריקען מיר אויס אונזער איניגסטען דאַנק אַלע שפּענדער, וואָס האָבען געשפּענדעט פאַר אונזער בעקליידונגס-אַקציע ווי אויך די וואָס האָבען אונז מיטגעהאָלפען אין דער וויכטיגער אַקציע, וואו עס זענען געזאַמעלט געוואָרען 200 קליידונגס-שטיק, 163 שטיק וועש און 111 פּאַר שיך און שניצ-גאַווצעס, אויסער געלד-נדבות.
די געזאַמעלטע חפצים זענען פערטיילט געוואָרען צווישען 100 בכבודע פאַמיליעס.
די פערוואַלטונג פון פרויען-פעראיין
„עזרה" אין טשענסטאָכאָוו.

אויפמערקזאַם!
ערשטקלאַסיגע **אָנדולאַציע**
און מאַניקיר
אין פריזיר=אנשטאַלט
שמעון ניישטעטער, ספּאַדעק 9.

א גוט - רוטינירטע בּוכפיהערין
קאָרעספּאָנדענטין
שרייבּט אויף מאַשין זוכט בעשעפטיגונג
פאַר שעה'דיגע אַרבייט. ערקינדיגען אין רעד. פאַר ג. מ.

מעלדונג

לויט'ן בעשלוס פון דער אַלגעמיינער פערזאַמלונג פון בּלעכער-צעך פון 17 דעצעמבער 1831 איז פאַר נישט אויספיהרען די פעראיינס-בעשלוסען, אויסגעשלאָסען געוואָרען פון צעך דער ה' אברהם יצחק העלמאַן.
די פערוואַלטונג פון בלעכער-צעך.

קראַנקע אויף לונגען
פרעגט אייער דאָקטאָר, און דער וועט אייך בעשטעטיגען, אַז פון סו:אַטעס שטאַרבען מענשען מעהר ווי פון אַנדערע קראַנקהייטען. דעריבער יעדער וואָס ליידט **אויף הוסט,**
בּראָנכיט, כריפּקע, לונגען = בעפלעגמונג
און **קאָקלוש** דאַרף באַלד זיך נעמען צו היילען. א גוט מיטעל אויף לונגען - קראַנקהייטען איז דער פּרעפּאַראַט
F A G O S O L
ביים בענוצען פערשטאַרקט זיך דער אַפּעטיט FAGOSOL
F A G O S O L
בעקומט מען אין אַלע אַפּטייקען און אַפּטייק - סקלאַדעס.
Skł. gł. Apteka H. ROSENSTADTA,
Warszawa, Pl. Grzybowski 10.

Pończochy - z gwarancją za trwałość
Rękawiczki - męskie damskie i dziecinne —
Bielizna - Jagera, oraz wszelką konfekcję męską najkorzystniej do nabycia
w DOMU POŃCZOCH
bielizny i Manufaktury
Częstochowa, II Aleja 29.

Wyrazy serdecznego współczucia naszej kochanej wychowawczyni, p. **Ajzykiewicz,** z powodu śmierci
Jej MATKI
wyraża
Oddział V Szkoły № 12.

אונזערע פריינד רעד. ה' **ישראל פלאַצקער** און פרוי
צו די תנאים פון זייער טאָכטער **נחמה** מיט ה' **יהודה לייב הערציגער**
ווינשען מיר זיי צו זעהען פיעל נחת און פרייד.
דעם יונגען פּאָר — א גליקליך צוזאַמענלעבען.
ב. באַטשאַן און פרוי.

דעם חשוב'ן רעדאַקטאָר ה' **ישראל פלאַצקער** און פרוי
צו די תנאים פון זייער טאָכטער **נחמה** מיט ה' **יהודה לייב הערציגער** אונזער הארציגסטען מזל-טוב.
זעצער-און דרוקער-פערסאָנאַל
פון „טשענסטאָכאָווער צייטונג"

פיעל נחת ווינש איך מיין חשוב'ן שעף-רעדאַקטאָר ה' **ישראל פלאַצקער** און **פרוי** צו די תנאים פון זייער ליבער טאָכטער **נחמה'לע** מיט ה' **יהודה לייב הערציגער** פון זאַווירטשע.
דעם יונגען פּאָר — א בינטעל ווייסע רויזען
ש. פראַנק און פרוי.

א הארציגען מזל-טוב ווינש איך דעם ג' רעדאַקטאָר **ישראל פלאַצקער** און **פרוי** צו דער פערלאָבונג פון זייער טאָכטער **נחמה** מיט ה' **י. ל. הערציגער**
דעם יונגען פּאָר — א גליקליכע צוקונפט.
מ. קרעמסקי.

אחולים לבבים מרובבים וברכות מאליפות למר **ישראל פלוצקר ורעיתו**
לארושי בתו **נחמה** עם בחיר - לבה, מר **י. ל. הרציגר.**
יהא רעוא, שזוגם יעלה ימה.
א. ח. שיפער.

א הארציגען מזל-טוב דעם רעד. ה' **ישראל פלאַצקער** און פרוי
צו די תנאים פון זייער טאָכטער **נחמה** מיט ה' **יהודה לייב הערציגער.**
דעם יונגען פּאָר א גליקליך צוזאַמענלעבען
ווינשט **שמעון באַטשאַן** און פרוי.

דעם הארציגסטען מזל-טוב ווינשען מיר אונזער שוועסטער און שוואָגער
ישראל פלאַצקער און **פרוי** צו די תנאים פון זייער טאָכטער
נחמה'לע מיט ה' **יהודה לייב הערציגער.**
דערלעבט פון זיי פיעל נחת, דעם יונגען פּאָר א גליקליכע צוקונפט.
טוביה זאַמבעק, פרוי און פאַמיליע.

ברכת מז"ט חמה ולבבית לידידנו היקר מ' **ישראל פלוצקר ורעיתו**
לארושי בתם מ' **נחמה** את מ' **יהודה ליב הרציגר** מזבירצה.
ירפו מחם רב ענג ונחת, ויזו לבנות ביתם, בית עברי נאמן, בארץ משאת נפשנו.
יעקב מאיר גרינפלד ורעיתו.

צו דער פערלאָבונג פון פרל. **העלאַ פלאַצקער** מיט ה' **לעאָן הערציגער** פון זאַווירטשע, דריקען מיר אויס אונזער הארציגסטען מזל-טוב און מיר ווינשען זיי א גלענצענדע צוקונפט.
מ. פלאַצקער און פאַמיליע.

Radjoaparaty i Radjosprzęt

Firestone



OPONY SAMOCHODOWE.

Armatury żyrandole i grzejniki elektryczne
Łożyska kulkowe S. R. O.
Opony samochodwe „Firestone"
Pasy transmisyjne
Wszelkie artykuły techniczne i elektrotechniczne
Wanny kąpielowe odporne na kwasy
Stale świeże baterje anodowe
poleca:
Biuro Techniczne „UNION"
Sp. z o. o.
Panny Marji № 14.
Tel. 770.

דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס דער לעהרערין פרל. **אייזיקאָוויטש** צום טויט פון איהר ליבע מוטער
ע"נ אסתר
אין איהר ווייטערדיגער אַרבייט אויפ'ן פעדאַגאָגישען געביעט, זאָל זי א טרייסט געפונען.
עלטערן קאָמיטעט
ביי דער פאָשעבנער - שולע
נומער 12.

דער פאלקס-יובל.

אין די נאציאנאל - יודישע קרייזען ווערט היי-יאהר געפייערט דער 50-יעהריגער יובל, זינט עס איז ענטשטאנען צווישען דעם וועלט-יודענטום, די ערשטע חובבי-ציון בעוועגונג.

מען מוז דאך אנערקענען, אז די דאזיגע בעוועגונג איז געווען א רוח ממרום, א היכער הייליגער אידעאל, וועלכער האט פלוצים אנגעהויבען בעגייסטערען די פרומע, רעליגיעזע יודען פון יענער צייט מיט 50 יאהר צוריק.

חבת ציון איז ביז דאמאלס געווען פעררעכענט צווישען דעם רעליגיעזען יודענטום אלס א מצוה, וועלכע מען איז מקיים בלויז מיט'ן דערמאנען ציון און ירושלים אין די טעגליכע תפלות און קיינעם איז נישט געקומען אויפ'ן געדאנק, אז דאס זאל צוגערעכענט ווערען צו די „מצות מעשיות" צו די געבאטען, וועלכע מען מוז בפועל אין דער ווירקליכקייט מקיים זיין, און דאס האט לויט זיין אויפפאסונג זיך געדארפט אויסדריקען אין „ישוב ארץ-ישראל".

מיט דעם גרעסטען ברען און דעם טיעפסטען ערנסט, וואס בעהערשט דעם רעליגיעזען יוד. מיט דעם העכסטען עקסטאז האבען אייניגע פון די גרעסטע גדולי התורה פון יענער צייט אנגעהויבען פערשפרייטען צווישען יודישען פאלק די אידעע פון ישוב א"י, און די דאזיגע פיאנערען האבען זיך נישט אבגעשטעלט פאר דעם גרויסען התנגדות, וואס זייער רעיון האט אנגעטראפען אין די רייהען פון פיעל רבנים און רביים. באלד זענען צו זיי צוגעטרעטען פיעל רעליגיעזע יודען, וואס האבען מיט דער גרעסטער התלהבות אויפגענומען דעם חויכען געדאנק און זיך געשטעלט צום דיענסט פון דעם הייליגען אידעאל פאר'ן יודישען פאלק.

דאס איז געווען דאס וויגעל פון דער יודישער נאציאנאלער אויפלעבונג, עס האט זיך געשאפען א נאציאנאל-יודישע שטימונג, וועלכע איז געווען אין שטארקען געגענזאץ נישט בלויז צו דער דאמאלסדיגער אסימילאציע, נאר אויך געגען די רעליגיעזע יודען, וואס האבען געהאלטען אז מען טאר נישט זיין קיין „דוחק את השעה", נאר מען מוז זיצען און ווארטען ביז משיח וועט קומען. עס האט זיך ענטוויקעלט א העפטיגע פאלעמיק צווישען ביידע צדדים און א גאנצע רייהע ארטיקלען און בראשורען וואס זענען צו דעם צוועק ערשינען, אבער די ברייטע יודישע מאסען, איבערהויפט די בעוואוסטזיניגע זענען אלץ מעהר און מעהר צוגעשטאנען צום געדאנק פון ישוב ארץ-ישראל, וועלכער האט זיך ערווארבען פיעל אנהענגער און סימפאטיקער, צווישען אלע שיכטען פון יודישען פאלק.

איך געדענק די דאזיגע בעוועגונג מיט עטליכע יאהר שפעטער נאך איהר ענטשטעהונג, ווען זי האט שוין ארומגענומען א גרויסען טייל פון דער בעוואוסטזיניגער רעליגיעזער יוגענד און ווען מיר זענען געזעסען אין בית-המדרש איבער די גמרות פערטיעפט אין לערנען האבען מיר זיך פערטראכט וועגען דעם גרויסען אידעאל פון ישוב ארץ-ישראל, פלעגט מען שעה'ן לאנג פערברענגען אין שטודירען די דאזיגע בעוועגונג, די תלמידים האבען זיך אין אנפאנג געהיטען איינער פאר'ן צווייטען, ווייל דער געדאנק איז נאכנישט געווען כשר פאר אלע רעליגיעזע יודען, אבער מיר האבען זיך פערשטענדיגט און פיעל פון אונז האבען געפיהרט א לעבהאפטע אגיטאציע און אויפקלערונגס-ארבייט ביי שטענדיגע דיסקוסיעס און ויכוחים, וועלכע האבען אין פיעל פאלען דערפיהרט דערצו, אז די „אפיקורסישע" תלמידים זענען בעזייטיגט געווארען פון די ישיבות אבער זיי האבען זיך פון דעם גרויסען אידעאל נישט אבגעזאגט און זיך נאכמעהר געווידמעט דער הייליגער אויפגאבע.

ווען דר. הערצל איז געקומען מיט דעם פאליטישען ציוניזם האט ער שוין געטראפען א ברייט בעארבייט פעלד אויף דעם געביט. און די דאזיגע עלעמענטען וואס האבען זיך רעקרוטירט פון די ערשטע הובבי-ציון און זייערע נאכפאלגער, האבען די ערשטע פערשטאנען הערצל'ען, מיט זיין אידעע וואס איז בעשטאנען אין שאפען אין א"י א עפענטליך רעכטליך געזיכערטע היים פאר'ן יודישען פאלק.

היינט צו טאג איז דאס שוין געווארען א גרויסע און מעכטיגע פאלקס-בעוועגונג. דער ציוניסטישער אידעאל נעמט היינט צו טאג שיין ארום מיליאנען יודען פון אלע לענדער פון גאר דער וועלט. מיר האבען אויך שוין בעקומען א עפענטליך-רעכטליכע פערזיכערונג פון פעלקער-בונד, אז עס וועלען אונז געגעבען ווערען די מעגליכקייטען צו בויען א נאציאנאלע היים אין א"י. אמת צוזאמען מיט דעם דאזיגען איז ענטשטאנען א גרויסע געגנערשאפט צוליעב וועלכער מיר האבען שטענדיג צו קעמפען מיט אונזערע אויסערליכע שונאים. דערביי פעהלען אונז נישט קיין אינערליכע שונאים וואס שטערען אונזער ארבייט און לעגען שטיינער אויפ'ן וועג, עס איז אויך אמת, אז די רייבונגען און חלוקי-דעות וואס הערשען אינערהאלב דער בעוועגונג ברענגען אונזער זאך א געוויס גרויסען שאדען, אבער דאס נאציאנאל-בעוואוסטזיניגע יודענטום איז שוין אויסגעוואקסען אין א שטארקער און מעכטיגער ארגאניזאציע, וועלכע וועט זיך פאר קיין זאך נישט אבשטעלען ביז דער הייליגער ציעל וועט דערגרייכט ווערען.

דאס איז א גרויסער אונגעהויערער וויכטיגער און ערהאבענער פאלקס-יובל, וואס דאס יודישע פאלק פייערט איצט ווען עס ווערט 50 יאהר זינט עס זענען ענטשטאנען די ערשטע פיאנערען פון אונזער נאציאנאל-יודישען געדאנק, די חובבי ציון.

י. פלאצקער.

דער בעסטער
געשאנק
פאר א ניי-
געבוירען קינד
איז
Kaseta prezentowa
BEBE SZOFMANA

וועגן דער הילפס-אקציע.

דער יודישער הילפס-קאמיטעט, וואס איז ביי אונז אין שטאדט געשאפען געווארען, כדי צו געבען הילף און אונטערשטיצונג דעם ארימען טייל פון דער יודישער בעפעלקערונג, וועלכע לעבט אין שרעקליכען נויט, פיהרט אן מיט זיין ארבייט, אבער ליידער נישט מיט דעם נויטיגען טעמפא.

די בעשטייערונג צו דעם צוועק, וואס די היגע יודישע בעפעלקערונג האט געדארפט אדורכפיהרען קומט פאר זעהר שוואך, זאגאר די קאמיטעטס-מיטגלידער זעלבסט קומען נישט שטענדיג אויף די זיצונגען וואס ווערען צו דעם צוועק גערופען און דאריבער ווערט די דאזיגע אזוי - וויכטיגע און נויטיגע אקציע נישט ווי געהעריג אדורכגעפיהרט, אין דער צייט, ווען די נויט פערשטארקט זיך פון טאג צו טאג און דער ווינטער מיט זיינע פרעסט און קעלטען פייניגט שרעקליך די ארימע אומגליקליכע פאמיליעס.

דער דאזיגער קאמיטעט האט בעקומען פון אלגעמיינעם שטאדטישען קאמיטעט פאר ארבייטסלאזע 100 קערץ קארטאפעל און 100 קערץ קויהלען. צו דעם האט דער קאמיטעט צוגעקויפט 200 קערץ קארטאפעל און 500 קערץ קויהלען, און עס זענען פערטיילט געווארען צוזאמען 300 קערץ קארטאפעל און 600 קערץ קויהלען, אבער דאס איז נאר ווי א טראפען אין גרויסען ים פון פיין און עלענד, וואס הערשט אויף דער יודישער גאס, און כדי צופרידענצושטעלען ווייניגסטעגס א געוויסען טייל פון די ליידענדע וואלט מען געדארפט די דאזיגע אקציע פיעלפאך פערגרעסערן און פערברייטערען.

דערביי גיט מען אונז איבער, אז זאגאר די געקויפטע קויהלען און קארטאפעל, וואס זענען שוין פערטיילט געווארען, האט דער קאמיטעט נאכנישט איינגאנצען בעצאהלט, נישט האבענדיג אין זיין בעזיץ די נויטיגע סומע צו דעם צוועק.

עס איז אהן ספק דער חוב קודם-כל פון די קאמיטעטס-מיטגלידער און פון דער גאנצער היגער יודישער בעפעלקערונג צו זעהען אז די דאזיגע אקציע זאל אדורכגעפיהרט ווערען ווי געהעריג און זאל ברענגען דעם געוואונשטען ערפאלג.

בלוט, הויט און נערווען-קראנקע
דערגרייכען נארמאלע פערדייאונגס-פערהעלטנישען דורכ'ן געברויך פון נאטירליכען ביטער-וואסער
Franciszka Józefa

צו איז רעוומאטיזם און פאדאגרע היילבאר?

ווי עס איז אלגעמיין בעוואוסט, שטאמען רעוומאטיזם, פאדאגרע און עהנליכע ליידען דערפון וואס עס זאמעלט זיך הארנזויער אינ'ם ארגאניזם. הארנזויער בעשטעהט פון קליינע נאדעשפיציגע קרישטאלען, וועלכע בעזעצען זיך אין די מוסקולען און אנדערע גלידער און וואס פעראורזאכען א סך מאל ביי די קלענסטע בעוועגונגען שרעקליכע שמערצען. בפרט אין די געלענקען קענען די שארפע קרישטאלען גורם זיין די ערגסטע שטערונגען און אויס דעם בעטרעפענדען מענש א קריפל מאכען. דער אונגליקליכער קראנקער, געפייניגט פון שרעקליכע ווייטאגען, פערלירט שטופענווייז די קראפט אין זיינע גלידער. אויך ה' א. העפליך, לאדז, ראקיצינסקא 25, האט פיעל געליטען, ביז ער האט דאס ריכטיגע מיטעל געגען זיינע ליידען געפונען. ער שרייבט אונז צ. א. מיט 4 יאהר צוריק האב איך געהאט דעם ערשטען אטאק פון רעוומאטיזם. דורך הייסע בעדער האב איך אנפאנגס געפיהלט א בעסערונג, אבער תיכף זענען די שמערצען נאך העפטיגער ווידער צוריקגעקומען און בין פון זיי נישט פטור געווארען. מיין רעכטע קני איז אנגעשוואלען און גאנץ שטייף געווארען. ביים געהען אויף טרעפ האב איך איין פוס געמוזט נאכשלעפען. ווען איך בין א לענגערע צייט געזעסען, איז מיר געווען שווער אויפצושטיין. גראד דעמאלס לעז איך אין דער צייטונג, אז א הער אויס לעמבערג האט זעהר גוטע ערפאהרונגען מיט טאגאל געמאכט. אויך מיר האבען די טאבלעטען גלענצענד געהאלפען. איך געה ווידער ווי פריהער אזוי ווי כ'וואלט קיינמאל נישט געקרענקט אויף רעוומאטיזם. עהנליך זענען מוז'יע טויזענדער מענשען וועלכע האבען בענוצט טאגאל ביי רעוומאטיזם, פאדאגרע, ברעכען אין קושיזש, רייסען אין די געלענקען, נערוון-און קאפשמערצען, גריפע, פערקיהלונגען און עהנליכע קראנקהייטען. אפילו ביי לאנגיעהריגע ליידען האט מען מיט טאגאל דערגרייכט איבערראשענדע דערפאלגען, ווייל עס איז עוקר מן השורש די קראנקהייט. אונשעדליך פאר'ן הארץ, מאגען און אנדערע ארגאנען. אויב טויזענדער דאקטוירים פערשרייבען טאגאל, טא קענט איהר דאך אויך מיט דעם פולסטען פערטרויען עס קויפען. צו בעקומען אין אלע אפטייקען.

די פערפאלגטע. (34

ראמאן פון יודישען לעבען אין איטאליע, אין 19-טען יאהר-הונדערט.

פריי פון העברעאיש דורך י. געלזאהן.

(פארטזעצונג).

הערענדיג דעם נאמען אהרן פעלדמאן זענען די אנוועזענדע גייסטליכע מיט'ן נונציוס יאהאן ערשטוינט געווארען און דער לעצטער האט זיך שטארק צוויינט, זאגענדיג:

אה, אין וואסערע שרעקליכע לאגע עס געפונט זיך דער דאזיגער אדעלמאן. דאס הארץ האט מיר געזאגט, אז ער, מיין פריינד, לעבט און מען מוז איהם ראטעווען און א דאנק גאט איז דאס אונז געלונגען.

אהרן פעלדמאן איז נאך אלץ געלעגען ווי אין אנמאכט, ער האט גארנישט געהערט און נישט געוואוסט וואס מיט איהם קומט פאר אין דער דאקטאר, וואס האט זיך מיט איהם בעשעפטיגט האט געזאגט:

איך קען נאכנישט פעסטשטעלען וואס מיט דעם אומגליקליכען וועט זיין, אויב ער וועט לעבען, ווייל דער גאנצער ארגאניזם איז זעהר אבגעשוואכט און אלע זיינע כוחות זענען ערשעפט. עס איז א גרויסע פראגע אויב ער וועט אומשטאנד זיין אויסצוהאלטען די ענדערונג וואס קומט מיט איהם פאר נאך 5 יאהר אויפהאלטען זיך אין אזעלכע שווידערליכע בעדינגונגען, און דאריבער מוזען מיר מיט איהם זעהר פארזיכטיג זיין.

דער דאקטאר האט פעראָרדענט, אז מען זאל דעם קראנקען און שוואכען פעלדמאן אריבערטראגען אין איינעם פון די גרויסע און בעקוועהמע צימערן וואס האבען זיך געפונען אין קלויסטער, וואו ער זאל זיך געפונען אונטער א שטרענגער מעדיצינישער אויפזיכט, ביז ער וועט ווערען אזוי קרעפטיג, אז מען וועט איהם קענען ארויסנעמען פון קלויסטער.

דער בעפעהל פון דאקטאר איז פונקטליך געווארען אויסגעפיהרט. נונציוס יאהאן האט בעפוילען די דיענער פון קלויסטער אויסצורוימען און צוגרייטען פאר פעלדמאנ'ען א גרויס און פרעכטיג צימער מיט אלע בעקוועהמליכקייטען און דעם זעלבען דאקטאר האט ער איבערגעבען, אז ער זאל ביי איהם דיזשורירען די ערשטע צייט אהן אויפהער, ביז ער וועט פערשטעהן, אז מען קען דעם קראנקען לאזען אליין.

8 טאג איז פעלדמאן געלעגען ווי אין היהנער-פלעט, א שטארקער פיבער האט איהם אדורכגענומען, היץ מיט קעלט האבען זיך מינוטענווייז ביי איהם געענדערט, עס זענען געווען מינוטען, וואס די איהם בעזוכענדע דאקטוירים האבען איינגעפונען, אז זיין לעבען געפונט זיך אין גרויס געפאהר, אבער אונטער דער ווירקונג פון דער איבערגעבענהייט מיט וועלכער די דאקטוירים האבען איהם בעהאנדעלט, די טייערסטע רפואות און די ערקוויקונגס-מיטלען, וואס האבען נישט געפעהלט, האבען אויף איהם גוט געווירקט, עס האט איהם אנגעהויבען בעסער ווערען, ער איז געווארע! רוהיגער און ווען נונציוס יאהאן האט דעם אכטען טאג געפרעגט דעם דאקטאר, אריינקומענדיג:

נו, וואס הערט זיך מיט'ן קראנקען? האט דער דאקטאר געענטפערט:

איצט קען איך אייער הייליגקייט, שוין זאגען מיט זיכערקייט, אז ער איז געראטעוועט און וועט לעבען.

נונציוס יאהאן האט זיך געפיהלט איבערגליקליך און געפרעגט דעם דאקטאר, אויב ער וועט איהם שוין דערלויבען זיך מיט'ן קראנקען אדורכצורעדען.

דער דאקטאר האט זיך פערטראכט און געזאגט:

איך וואלט גערן איהם נאכנישט בעלעסטיגט און ארויסגערופען זיין אויפרעגונג, ווייל אויף די אלע פראגען, וואס ער האט מיך די לעצטע צוויי טעג געפרעגט, האב איך איהם געענטפערט, אז אויב ער וויל לעבען און געזונד ווערען, זאל ער ווי ווייט מעגליך גארנישט טראכטען און נישט אויפרעגען זיינע נערווען, אבער מעגליך, אז א קורצען שמועס קענט איהר מיט איהם האבען.

יאהאן איז געווען צופרידען און איז אריין און דעם צימער, וואו פעלדמאן איז געלעגען אין בעט.

אריינקומענדיג אין צימער אנגעטהון אין זיינע אפיציעלע קליידער אלט הויכער גייסטליכער, האט זיך פעלדמאן פאר איהם זעהר דערשראקען און ער האט ארויסגעלאזט א שרעקליך געוואלד:

ראטעוועט! איך בין אומשולדיג, איך האב קיינעם קיין שלעכטס נישט געטהון. וואס ווילט איהר פון מיר?

יאהאן האט פערשטאנען, אז זיינע אמטליכע קליידונג אלס גייסטליכער האבען דעם קראנקען אזוי איבערגעשראקען, ווייל מענשען, וואס האבען געטראגען דיזעלבע מלבושים האבען איהם אזוי פיעל שלעכטס געטהון. דאס האט אויף נונציוס יאהאן געמאכט א ערשיטערענדען איינדרוק און מיט טרעהרען אין די אויגען איז ער צוגעגאנגען צום קראנקען און געזאגט:

שרעק זיך נישט אומגליקליכער, בערוהיג זיך, דו ביזט געראטעוועט און געפונסט זיך אין גוטע הענד, וואס ווילען דיך צוריק געזונד מאכען.

כדי מיך צו קענען פערמשפט'ן פאר די זינד וואס איך בין נישט בעגאנגען —האט פעלדמאן געזאגט טרויעריג—אה, פארוואס האט איהר מיך נישט געלאזט אומקומען אין פינסטערן קעלער?

בערוהיג זיך פריינד—האט יאהאן צו איהם ווייטער געזאגט מיט טרעהרען אין די אויגען—איך בין דיין פריינד, וואס האט דיך געראטעוועט, כדי זאלסט לעבען און גליקליך זיין.

מיין פריינד? — האט פעלדמאן געשטאמעלט — אין גייסטליכע קליידער זאל א מענש מיין פריינד זיין? אבער ווער ביזטו?

איך בין יאהאן פאן קיהלבערג.

דער נאמען האט געהאט אויף פעלדמאנ'ען א גרויסע ווירקונג, ער האט זיך דערמאנט, אז דער מאן איז ווירקליך געווען זיין בעסטער פריינד און דער איידעלסטער פון אלע זיינע קריסטליכע בעקאנטע.

איצט האט זיך פעלדמאן פולשטענדיג בערוהיגט. נונציוס יאהאן האט זיך אוועקגעזעצט ביי זיין בעט און דעם דאקטאר האט ער געהייסען פערלאזען דאס צימער, כדי ער זאלט מיט'ן קראנקען בלייבען אליין.

בערוהיג זיך, פריינד—האט יאהאן אנגעהויבען—ווי דורך א נס ביזטו געראטעט געווארען. אין דער קירכע איז יעצט די לאגע גאנץ אנדערש. דיינע פיינד, וואס האבען דיך געוואלט אומברענגען און אומשולדיג געווארפען אין א שווערער תפיסה וועלען איצט שטרענג בעשטראפט ווערען. איך פערנעם איצט א זעהר הויכען אמט, מיר טהון אויסראטען אלעס נישט ריכטיגע פון די קלויסטערס, וואו עס וועט איצט הערשען יושר און גערעכטיגקייט און דו, מיין פריינד, וועסט לעבען און זיין גליקליך.

פעלדמאן האט זיך שטארק צווויינט. ער האט פשוט זיינע אויגען און אויערען נישט געוואלט גלויבען, ער האט אלץ געמיינט, אז דאס איז נישט קיין ווירקליכקייט, נאר א זיסער חלום און ערשט נאך א לענגערען געשפרעך, ווען יאהאן האט איהם מיט גוטע ווערטער איבערצייגט, אז עס איז אלעס אזוי ווי ער זאגט, האט פעלדמאן געפרעגט:

אבער זאג מיר, מיין רעטער, וואו געפונט זיך מיין פרוי מיט מיין איינציגען זוהן און טאכטער?

זיי געפונען זיך אלע אין רוים—האט יאהאן געענטפערט—און דו וועסט מיט זיי נאך גליקליך צוזאמען זיין.

און ווען וועל איך זיי קענען זעהן? —האט פעלדמאן געפרעגט וויינענדיג.

דאס איז אבהענגיג ווען דער דאקטאר וועט דיר דאס ערלויבען — האט יאהאן געענטפערט — נישט קענענדיג איהם זאגען די ביטערע ווירקליכקייט וועגען זיין פאמיליע.

(פארטז. קומט).

צי דארף אויך פוילען ביליגער מאכען די פרייזען?

די מלוכה = מאנאפאלען און סינדיקאטען דארפען ביליגער מאכען די פרייזען מיט 10 פראצענט.

די „גאזעטא פאלסקא" שטעלט זיך אב אויספיהרליכער אויף אונזער האנ-דעלס-בילאנס פון חודש נאוועמבער, וועלכער האט זיך, ווי בעוואוסט, גע-שלאסען מיט א עודף. די צייטונג דרינגט דערפון, אז מיר פערמאגען די פעהיגקייט צוצופאסען זיך צו די בע-דינגונגען, אין וועלכע ס'געפונט זיך אונזער אינדוסטריע און האנדעל. עס איז נאר א פראגע, צי די רעזולטאטען פון חודש נאוועמבער וועלען אנהאל-טען אויף א לענגערער צייט. בעת מיר נעהמען דערצו אין אכט די נייע ידי-עה פון ענגלישען פונט און די „נויט-פעראָרדנונגען" פון דער דייטשער רע-גירונג, וועלכע וועלען שטארקען די קאנקורענץ - פעהיגקייט פון דייטשען האנדעל און דער דייטשער אינדוסטריע.

איבערגעהענדיג צו די איינצעלנע פאזיציעס פון אונזער עקספארט און אימפארט, מאכט די „גאזעטא פאלסקא" פאלגענדע בעמערקונגען:

קודם-כל בעמערקען מיר א ירידה פון אימפארט פון טעקסטיל-אויסארביי-טונגען אויף איבער 5 און א האלבען מיליאן זלאטיס, פון וואס 3 מיליאן פאלען אויס אויף וואל און בערך דריט-האלבען מיליאן אויף בוימוואל.

פון סחורות איז אין דער גרעסטער מאס געפאלען דער אריינפוהר פון זייד-אויסארבייטונגען. דאס בעווייזט, אז די קויף-קראפט פון דער טעקסטיל-אינדו-סטריע איז ווייטער געפאלען. דאס ער-קלערט זיך מיט דער פערקלענערטער קויף-קראפט פון דער בעפעלקערונג צו-ליעב די רעדוקציעס פון די לוינען פון די מלוכה'שע און קאמונאלע בעאמטע.

„די העכערונג פון עקספארט פון אונ-זער קאנפעקציע ערקלערט זיך טייל-ווייז דערמיט, וואס מ'האט געוואלט אויסנוצען די קורצע צייט איידער עס איז איינגעפיהרט געווארען אין ענג-לאנד דער שוץ, טיילווייז אויך צוליעב די געוואלדיג נידריגע לוינען אין דא-זיגען אינדוסטריע-צווייג און די גרויסע פינאנסיעלע שטיצע מצד דער מלוכה אין דער פארם פון צוריקצאהלען די צאל-אבצאהלען".

פון האנדעלס-בילאנס פון חודש נא-וועמבער קומט די צייטונג צו פאלגענ-דען אויספיהר: „די סבות, וואס האבען גורם געווען צו די לעצטע שריט פון דער ברינינג-רעגירונג זענען אייגענט-ליך אויך צוגעפאסט פאר די פוילישע פערהעלטנישען. מ'קען די ליניע פון ברינינג ד. ה. די ליניע פון א גענע-ראל-ירידה פון די פרייזען, לוינען און פראדוקציע-קאסטען, מאדיפיצירען. מען קען צו דער געשאפענער לאגע אויפ'ן אינטערנאציאנאלען מארק אנווענדען גאנץ אנדערע מעטאדען ווי אין דיי-טשלאנד, אבער די נויטווענדיגקייט צו-צופאסען זיך צו די אלגעמיינע בע-דערפנישען, קען שוין פון קיינעם נישט אבגעלייקענט ווערען".

די „גאזעטא ווארשאווסקא" דאגעגען זאגט זיך ארויס אויפ'ן שארפסטען אופן געגען אנווענדען די דייטשע מעטאדען אין פוילען. „מ'טאר אין איין זאך נישט פערגעסען—שרייבט די דערמאנטע צייטונג—דער דייטשער אויסבעסערונגס-פלאן איז צוגעפאסט צו די דייטשע ווירטשאפטליכע און געזעלשאפטליכע בעדינגונגען אלס אויסגאנגס - פונקט ווערט גענומען דער אומשטאנד, אז די דייטשען זענען נישט בכח צו רעגולי-רען זייערע אויסלענדישע פערפליכטונ-גען. די דייטשען ערלויבען זיך אויף אזעלכע עקספערימענטען, רעכנענדיג דערויף, אז די אויסלענדישע קרעדיטא-רען, וואס האבען לאקירט אין דייטש-לאנד ריזיגע סומען, וועלען געצוואונ-גענערהייט מסכים זיין אויף א נייער רעגולירונג פון די פערפליכטונגען אין א גאנץ אנדערע לאגע אין פוילען, אנדערש איז איהר ווירטשאפטליכע ארדנונג אין די אינטערנאציאנאלע בע-דינגונגען.

„עס איז איצט שוין קלאר, אז יע-דעס לאנד מוז אונטערנעהמען א קאמף מיט'ן קריזיס מיט אייגענע מעטאדען, אלגעמיינע רפואות ענטוישען, אנדערש גיבען זיך אנ'עצה די דייטשען, אנדערש פראנקרייך, אדער גרויס-בריטאניען, דער קריזיס האט נאך פערטיעפט דעם אונטערשיעד, וואס איז פארהאן צווי-שען די בעזונדערע לענדער. „אונזער קריזיס איז אנ'אנדערער און דעריבער מוזען די מעטאדען צו בעקעמפען איהם אויך זיין אנדערע.

די צייטונג קומט צום אויספיהר, אז די לאזונג פון „איבערהאלטען" „אויס-האלטען", וועלכע ווערט געווארפען מצד די מאסגעבענדע קרייזען קען נישם בעפרידיגען, „ווארטען קען מען נאר דאן, ווען מ'ארבייט פאזיטיוו פאר דער פערבעסערונג פון די יסודות פון ווירטשאפטליכען לעבען. ווען ס'שעפען זיך אויס די לעבענס-כוחות פון דער נאציאנאלער ווירטשאפט, דאן קען מען מעהר נישט ווארטען".

אין וואס בעשטעהט אבער די רפואה? וואס זענען די אייגענע מעטאדען און מיטלען, וואס פוילען דארף אנווענ-דען צו לינדערען דעם אייגענעם קרי-זיס? דער ענדעקישער ארגאן גיט דע-רויף נישט קיין תשובה. דערפאר פרובט דערויף געבען אנ'ענטפער דער סא-נאטארישער קראקויער „אילוסטראווא-ני קוריער".

די דאזיגע צייטונג קריטיקירט קודם כל דאס גאנצע דעקרעטען-סיסטעם פון דער ברינינג-רעגירונג, וואס איז פון איין זייט פול מיט אינערלילע סתירות און פון דער צווייטער זייט וועט עס גאר נישט העלפען, ווייל מיט דעקרע-טען קען מען ניט אויסהיילען קיין שוואר-קראנקען. די דעקרעטען וועלען נאך מעהר פערקלענערן אין אויס-לאנד דעם צוטרוי צו דייטשלאנד. די דעקרעטען קענען נאר צואיילען די קאטאסטראפע אין דייטשלאנד.

איבערגעהענדיג צו פוילען. זאגט די צייטונג, אז „פוילען וועט נישט אנווענ-דען קיין נויט-פעראָרדנונגען, הגם גע-וויסע פעראָרדנונגען וואלטען געווען אויך פאר אונז גערעכט און פאסענד.

די צייטונג לייגט דאן פאר, אז ס'זאל אדורכגעפיהרט ווערען אנ'אקציע צו פערקלענערען די קארטעל און סינ-דיקאט פרייזען אויף 10 פראצ.

די רעגירונג דארף פיהרען אינטער-האנדלונגען מיט די קארטעלען און סינדיקאטען, אנווייזענדיג זיי, אז זיי-ער פראדוקציע וועט בעדייטענד פער-גרעסערט ווערען, אויב זיי וועלען אראבלאזען פון די פרייזען. אויך די מאנאפאל ארטיקלען און די אויסאר-בייטונגען פון די מלוכה'שע אונטער-נעהמונגען דארפען ביליגער ווערען.

די צייטונג קומט אלזא צום אויס-פיהר, אז אויך ביי אונז דארף קומען צו א פרייזען ירידה. אבער דאס דארף נישט געשעהן אויפ'ן וועג פון א דעקרעט, נאר דורך א געזעלשאפט-ליכע אקציע, עהנליך צו דער געזעל-שאפטליכער אקציע צו בעקעמפען די ארבייטסלאזיגקייט.

אזא אקציע וואלט צוגעהאלפען צו דער פערקלענערונג פון אימפארט און וואלט פערבעסערט דעם מצב פון אונ-זער אינדוסטריע און לאנדווירטשאפט.

ח. ל. חריפאי.

א חנוכה אווענד אין תל=אביב.

א גאנצען שבת האט געגאסען א רעגען. און נאך וואס פאר א רעגען? וואס א טראפען דאס א עמער. ארץ-ישראל איז עפעס א מאדנע לאנד: איז טרוקען — שפאלט זיך די ערד פון היץ; הויבט אן רעגענען — איז א פער-פלייצעניש. זי איז א ביסעל געגליכען אין דעם זין צו דעם יודישען פאלק. אדער גאר, אדער גאר-נישט. זעהט איהר א מעשה, דוקא היינט, חנוכה, האט זיך דער רבונו של עולם פער-וואלט בעפרישען אונזער ערד. און יע-דערער שפארט ארויס דעם קאפ אויפ'ן דרויסען. אפשר האט אויפגעהערט צו רעגענען, אפשר ווייזט זיך אויפ'ן הי-מעל א בלויער פאס — אבער געה שריי „שמע ישראל"... פערוואלקענט פער-כמורעט.

און דוקא היינט ביי דער נאכט, צו דעם צווייטען ליכטעל, דארף פארקו-מען דער מארש פון די „אגודת-הרוכ-בים" (דער רייטער פערבאנד). איהר ווילט דאך מסתמא וויסען פון וועמען בעשטייט דער דאזיגער פערבאנד? — טא הערט'זשע זיך טאקע איין. ערש-טענס קומט דער תל-אביב'ער שטאדט מעהר. איהר קענט דאך איהם מסתמא? ווער קען דאס נישט דיזענהאפ'ן? לייט זאגען, אז ער איז נישט קיין שלעכטער רייטער. איך בין א קליינער מבין אין אזעלכע ענינים, נאר מיר דוכט, אז ער זיצט טאקע גאנץ פיין אין זאטעל. נישט צו זאגען, אז ער איז א זקן אין די זיבעציגער אריין. נאך איהם קומט אברהם שפירא פון פתח-תקוה, אדער ווי די אראבער זאגען דער „שייך איב-ריהים". אויף זיין רייטען איז צווישען אונז יודען, נישטא קיין מבינים. אויף זיין זיצען אין זאטעל קענען זאגען מבינות נאר בעדואינער. און פאר דעם האבען זיי טאקע פאר איהם יראת הכבוד. ער איז אויך נאך זיבעציג. זעצט ער זיך נאר ארויף אויפ'ן פערד— קען מען איהם נישט דערקענען.

נאך זיי קומען א פאר אדוואקאטען, דאקטוירים און סתם יודען פון א גאנץ יאהר. זעהט איהר, זיי זענען טאקע יונג אין יאהרען, אבער אויסזעהען זע-הען זיי אויס פיעל עלטער פאר שפי-רא'ן און אפילו פאר דיזענהאפ'ן. צווי-שען די רייטער זענען אויך דא אמא-זאנקעס: קאלאניסטישע מיידלעך פון די נאהענטע קאלאניעס. גלויבט מיר אויף נאמנות, אז זיי קוקען אויס גאנץ שעהן אין זייערע רייט-קאסטיומען. פערברענט, צערטליך רייט לעבעדיג-לעבעדיג אהן א ברעג. א קוועטש מיט די הילם — און ער טראגט זיך אוועק פייל פון בויגען.

נאר די סאמע אינטערעסאנטסטע פון די אמאזאנקעס איז א געוועזענע רו-סישע מיוחסת: מרדווינאווא. איך זעה אויף אייערע פנים'ער א גרויסען פרא-גע-צייכען. וואס? א רוסישע דוואר-יאנקא? איך האב נישט ליעב קיין שפאס. א אמת'ע כשרה דוואריאנקע. און נאך וואס פאר א דוואריאנקע? פון דעם סאמען שפיץ. די אויבערשטע פון שטייסעל. ווי אזוי קומט זי אין ארץ-ישראל? — פשוט, זי איז היינט א יו-דישע פרוי מיט אלע פליטעלעך. און אין ארץ-ישראל איז זי געקומען צוזא-מען מיט איהר מאן. אין פעטערבורג האבען זיי זיך בעגעגענט; זי האט זיך מגייר געווען כדת וכדין — און היינט איז זי אין אין ארץ-ישראל. רעדט העברעאיש, אינטערעסירט זיך מיט יודישע ענינים און איז א מיט-גליעד פון א יודישען „רייטער-פעראיין.

איך זאג אייך א מחיה צו קוקען, ווי זי, די מיוחסתדיגע „דוואריאנקא" רייט זייט ביי זייט מיט דעם יודישען שייך רון פתח-תקוה. מען זאגט, אז זי איז א מאדים אויפ'ן פערד. איך קען זי גאנץ גוט; מיט איהר מאן האב איך געארבייט צוזאמען אין „החבר". צייטענווייז דוכט זיך, אז זי האט שוין פערגעסען, אז איהר וויגעלע איז געשטאנען אין פעטערבורג אין דער גרויסער רעגירונגס-געביידע ביי דער „אדמיראלטייסטווא".

אין דער פריה בין איך ביי זיי גע-וועזן. „נאדיעזדא ניקאלייעוונא" — אזוי הייסט זי — איז שטארק פער-דאגט. זי גרייט זיך שוין וואכען לאנג צו דעם פאקעל-מארש, און מיט אמאל, נא דיר גאר א רעגען! מיר פרובען זיך זי טרייסטען — נאר טענה היינט, טענה מארגען, אז דער רעגען גיסט ווי פון א עמער.

נאר מיט אמאל, א שעה פאר הבדלה, קומט דיר אן א ווינד פון דרום-זייט, צוטרייבט די וואלקענס און עס ווערט פרעהליכער אויפ'ן הארצען. דער „פא-קעלען-מארש" פון די רייטער איז גע-ראטעוועט! עס איז געווארען ליכטיגער און לעבעדיגער. אין דרויסען האבען זיך בעוויזען חנוכה-פנימ'ער. איבער-הויפט דאס קליינווארג, און שפעטער א ווילע האבען זיך אנגעצונדען די צוויי ליכטלעך אויף דער טראדיציאנע-לער גרויסער עלעקטרישער חנוכה-לאמפ אויף דעם וואסער-טורם אין תל-אביב, און אין גאס שפאצירען דיר קינדער און זינגען „מעוז צור ישועתי"... מיט דעם אלטען. סקארבאוועו ניגון.

מיר, א בינטעל שרייבער, האבען זיך פערקליבען, ווי אונזער שטייגער איז, און קאפע „העם". מען כאפט א שמועס, מען דיסקוטירט. וועגען וואס רעדט מען א ערך היינטיגע צייטען? — וועגען דעם דאלאר און דעם פונט. א אלגעמיינע טעמע, ווער רעדט ווע-גען דעם היינט נישט? אמת, מיר זע-נען גאנץ ווייט פון דאלארען מיט פונ-טען צוזאמען — אבער ריידען קאסט דאך קיין געלד נישט.

ווייטער איז ביי אונז דא נאך א טעמא: דער נייער נציב. וואס איז ער פאר א מענש? מען פרובט טרעפען. ווער עס זאגט, אז ער וועט געהן אין די וועגען פון פלומער'ן. דאך עפיס א גענעראל שב'גענעראל. מען גריבעלט זיך אין זיין ערשטער רעדע און מען געפונט ראיות אויף דעם. ער האט איהם דערמאנט אלס ביישפיל. ווער עס גיט א מאך סתם מיט דער האנד. „פטור נו — אלע זענען זיי גוט!"

אין מיטען פאלט דיר איינער אריין מיט גאר א שפאגעל-נייעם ניגון. „דער מוסולמענישער צוזאמענפאהר". א צו-זאמענפאהר, נישט א צוזאמענפאהר, גיכער א משפחה יום-טוב פון דעם מופטי. פון איין ענין צום אנדער'ן, דערקלויבט מען זיך ביז די סכסוכים צווישען די ארבייטער און די פרדסנים. מען קאכט זיך, ביז איינער רופט אויס:

— איהר ווייסט, וואס איך וועל אייך זאגען, זאלען זיין סכסוכים, עס זענען דאך מעהר נישט, ווי יודישע גזלנים, אבי מען זאל פלאנצען פרדסים און נאר וואס מעהר. עס איז נאך דא גע-נוג ערד אין שרון. האט איהר געלע-זען: מקחים אויך מאראנצען זענען גאנץ פיינע.

און נישט ווילענדיג, גיט זיך א טראכט: ער איז דאך טאקע גערעכט. סכסוכים היינט, סכסוכים מארגען — א-בער עס איז דאך פערפלאנצט געווארען יודישע פרדסים ארום 60 טויזענד דו-נאס. און מען קען נאך פיעל אויפ-טהון אויף דעם דאזיגען געביט. אט שלאגט מען יודען אין פוילען, דייטש-לאנד, עסטרייך — אוי, ווען די דאזי-גע יודען וואלטען זיך א ווארף געט-הון קיין ארץ-ישראל! וואס נציב, ווען ציב, וואס מופטי, ווען מופטי!...

וואס געהערט, וואס געזעהן.

תכלה שנה.

דער היינטיגער נומער איז דער לעצטער פון פערגאנגענעם געבענשטען יאהר 1931. ווען איך בלעטער אדורך די צייטונגס-נומערן פון גאנצען יאהר זעה איך, אז מיר האבען אבגעטהון א גרויס שטיק ארבייט. מיט דעם נומער ווערט אויך פערענדיגט א תקופה פון 10 יאהר, ווי די „טשענסטאכאווער צייטונג ערשיינט אלס וואכענבלאט. מיט דעם נומער ווערט אויך אבגעשלאסען 5 יאהר, ווי איך הקטן, בעטייליג זיך אין דער ארבייט פון דער „טשענסטא-כאווער צייטונג".

מעגליך, אז פאר אייך לעזער—אזוי וועט איהר זיך טראכטען—איז דער גאנצער ענין נישט אינטערעסאנט, ווייל איך טאקי בעמערקען, אז עס איז נישט אזוי, אז אויך פאר אייך האט דאס א אינטערעס און דוקא גאר א שטארקען, אויף וועלכען עס לוינט זיך אביסעל אבצושטעלען.

די „טשענסטאכאווער צייטונג" האט ווי א געטרייע מאמע אבגעהיטען יעדע בעוועגונג פון דער געזעלשאפטליכער ארבייט אין אונזער שטאדט און האט אויך ווי א מאמע, נישט געזידעלט, נאר געשטראפט און אויפמערקזאם גע-מאכט אויף די פעהלערן, אז מען זאל זיי אויסבעסערן. די „טשענסטאכאווער צייטונג" איז נישט ארויס פון גלייכגע-וויכט, אפילו אין די שווערסטע מאמענ-טען, ווען בייזווילינע מענשען זענען אויף איהר אנגעפאלען און געוואלט זי פראוואצירען.

זאגאר אין א צייט, ווען דאס גע-דרוקטע ווארט איז געווארען הפקר און עס האט זיך בענוצט דערמיט ווער עס האט נאר געוואלט און עס געמאכט צו שאנד און צו שפאט, אויך דאמאלס האט אונזער צייטונג אבגעהיטען די ריינקייט פון ווארט, זיך גערעכענט מיט יעדען אויסדרוק און דאס ווארט נישט מטמא געווען.

דא ליגט דער גרויסער כח פון אנ-שטענדיגקייט, וואס איז אזוי שווער צו דערהאלטען אין א צייט ווען דעמארא-ליזאציע האט די ממשלה.

עהרליכקייט און אנשטענדיגקייט איז געווען אונזער דעוויז, אונזער לייכט-טורם, וואס האט אונז געפיהרט אין משך פון די דאזיגע 10 יאהר און דאס איז אונזער שטאלץ, מיט וועלכען מיר וועלען געהן ווייטער אין דער צוקונפט.

אימפערעזעס.

דער סעזאן פון אימפערעזעס איז נאך אין פולען גאנג און ווי עס זאל נישט זיין, האבען זיי נאך דעם געהעריגען ערפאלג.

און ווי געוועהנליך קומען פאר די אימפערעזעס אין משך פון די פרייע טעג, ד. ה. פרייטאג, שבת און זונטאג.

צו דער זאך.

וויספיאנסקי איז תחית-המתים אויפגעשטאנען.

דער דראמאטישער קרייז פון „טאז" האט נאך א לאנגע הפסקה געגעבען אנ'אווענד. האבען זיי—שמועסט מען—געגנישטערט אין דער גאנצער יודישער ליטעראטור, אדורכגעווארפען אלע דרא-מאטורגען, ביז זיי האבען זיך ענדליך אבגעשטעלט אויף וויספיאנסקי'ן. פאר-וואס וויספיאנסקי? פארוואס נישט שלום אש, קאברין א"א, דאס איז זייער סוד. דעם וויספיאנסקי-אווענד האב איך נישט געהאט די זכיה. צו זעהען (גלויבט מיר אז נישט צוליעב מיין שולד...) אבער ווי מען דערצעהלט מיר, האט עס גע-מאכט א טייערען איינדרוק — אויפ'ן רעזשיסער... פונדעסטוועגען דארף מען זיי אבער נישט צופיעל פארווארפען, ווארום א פעהלער קען דאך יעדער מאכען און אויך זיי האבען געמאכט א פעהלער. דערפאר אבער האבען זיי געהאט ערפאלג און א פאר גילדען וועט זיי שוין איבערבלייבען—אויך גוט, אבער א גרויסער יישר-כח קומט דעם קרייז, וואס ער האט וויספיאנסקי'ן אויפגעשטעלט תחית-המתים...

אביסעל מעהר כבוד.

שבת בייטאג איז פארגעקומען די טרויער - אקאדעמיע צו דער ערשטער יאהרצייט נאך דעם פערשטארבענעם ד"ר גדליהו ווייס.

דער יונג-פערשטארבענער איז געווען אונזערער א בן-עיר, א קינד פון אר-בייטער-עלטערן און נאר א דאנק זיין איינענער ענערגיע און שטארקען דראנג צו בילדונג, האט ער גובר געווען אלע מכשולים, וואס זענען איהם געשטאנען אויפ'ן וועג, ביז ער האט דערגרייכט זיין ציעל. ארבייטענדיג אינערמידליך איז ער געווארען אדוואקאט און בע-קומען דעם טיטול דאקטאר.

און ווען ער איז שוין געשטאנען אויפ'ן שטאפעל פון זיינע דערגרייכונ-גען, האט דער אכזריות'דיגער טויט איהם אוועקגעריסען און איבערגעלאזט א טיעפע אונהיילבארע וואונד ביי זיי-נע עלטערן, וועלכע האבען איהם גע-האלטען פאר דער קרוין פון זייער מש-פחה.

דער פערשטארבענער איז אבער גלייכצייטיג געווען א געזעלשאפטליכער טהוער. ער איז געוועזן טעטיג אין דער „פועלי ציון" בעוועגונג, האט זיין פאר-טיי, וועלכע האט אין איהם פערלוירען א טרייען פיהרער, איינגעארדענט א טרויער-אקאדעמיע.

מיט דער טרויער-אקאדעמיע איז אויך נישט געגאנגען גלאטיג, ווארום עטלי-כע מאל האט מען זיי נישט ערלויבט צוליעב דער לאקאל-פראגע, נאר ענד-ליך איז זי פארגעקומען דעם פערגאנ-גענעם שבת בייטאג אין קינא „נאווי".

איך האב געהאלטען פאר מיין חוב צו בעזוכען די טרויער-אקאדעמיע און איך מוז אויך ארויסזאגען מיין מיינונג, אויסהערענדיג די טרוי-ער-רעדע, וואס איז געהאלטען געווארען לכבוד דעם נפטר.

איך האב צו דעם רעדנער נישט קיין פרעטענסיע, ווארום ער האט איהם אפשר נישט געקענט און ממלא האט די רעדע

פעראייניגונג פון די ספארט פעראיינען.

מיט עטליכע חדשים צוריק האב איך שוין בעריהרט אין דער „טשענסטאכאווער צייטונג" די פראגע, וועגען דער פעראייניגונג פון זש. ט. ג. ס. און „ווארטא", וואו איך האב אויפגעוויזען אין א גרעסערען ארטיקעל, אז אזא פעראייניגונג איז ביים היינטיגען טאג א נויטווענדיגקייט, דאס האבען אויך אנערקענט די מיטגלידער פוןביידע געזעלשאפטען, וועלכע האבען אויפגעפאדערט זייערע פערוואלטונגען, אז זיי זאלען זיך בעמיהען ווייטער פארטצוזעצען די איבערגעריסענע אונטערהאנדלונגען, כדי די געוואונשענע פעראייניגונג זאל צושטאנד קומען.

אין דעם אויבען דערמאנטען ארטיקעל, האב איך בעמערקט, אז די פערוואלטונג פון דער „ווארטא" האט בעפולמעכטיגט איהרע דעלעגאטען, דאס זיי זאלען זיך בעמיהען, אז די פעראייניגונג זאל צושטאנד קומען, כדי די שוואכע קחות, וועלכע עס פערמאגען די פעראיינען, זאלען נישט צושפליטערט ווערען, הויפטזעכליך ביים יעצטיגען מאטעריעלען קריזיס, ווען אלע געזעלשאפטען ראנגלען זיך מיט דעפיציטען, קען די פעראייניגונג ברענגען אונגעהוירע נוצען אויף יעדען געביט.

איינע פון די שווערסטע פראגען ביים בעטראכטען די פעראייניגונג, איז געווען די פראגע וועגען דעם נאמען פון צוקונפטיגען פעראייניגטען ספארט־פעראיין. די דעלעגאטען פון דער „ווארטא", ווי אויך די פערוואלטונג אויף איהרע זיצונגען זענען געקומען צום בעשלוס, אז דער נאמען דארף נישט זיין קיין שטערונג צו דער פעראייניגונג, נאר אזוי ווי די קלובען האבען יעדער פאר זיך זיין ספארט פערגאנגענהייט, זאל דער נאמען זיין א געמיינזאמער פון ביידע פעראיינען, וואס עס איז אויך בעשטעטיגט געווארען אויף די קאנפערענצען פון ביידע פעראינטערעסירטע פעראיינען.

די אויפגאבע צו רופען אזא קאנפערענץ האט געהאט דער זש. ט. ג. ס., ווייל אזא בעשלוס איז געווארען אנגענומען אויף דער אלגעמיינער פעזאמלונג פון איהר פעראיין, אין חודש אפריל און בעזונדער ווען עס זענען איבערגעריסען געווארען די אונטערהאנדלונגען מיט א יאהר צוריק האבען די דעלעגאטען פון זש. ט. ג. ס. געזאלט רופען די נעכסטע קאנפערענץ, דאס אבער איז נישט צושטאנד געקומען ביז'ן היינטיגען טאג.

איך וויל נישט בעריהרען אין דער עפענטליכקייט, צוליעב וואס די קאנפערענץ איז איבערגעריסען געווארען, ווייל עס וואלט נישט געבראכט קיין כבוד געוויסע פערזאנען, וועלכע האבען געקענט אוועקשטעלען זייערע פריוואטע אמביציעס העכער ווי די אינטערעסען פון כלל.

אין פריוואטע געשפרעכען מיט ספארטלער, וועגען דעם גאנג פון די אונטערהאנדלונגען, האב איך מיך ארויסגעזאגט, אלס איינער פון די דעלעגאטען פון דער „ווארטא", דאס איך בין זיכער, אז די פעראייניגונג וועט צושטאנד קומען, דען די שווערסטע פונקטען, וועלכע האבען בעשווערט די פעראייניגונג' זענען בעזייטיגט געווארען. די לעצטע קאנפערענץ איז אבער אויפגעריסען געווארען, ווען עס זענען בעטראכט געווארען די פראגען פון מאנדאטען־בענקלעך. דאן האבען די פערזעהנליכע אמביציעס פערנומען דעם ערשטען פלאץ.

ווי איך האב שוין בעטאנט, וויל איך נישט בעריהרען ווער עס זענען די שולדיגע, ווייל איך גלויב, אז שוין אין די נאהנטסטע טעג, וועט אזא קאנפערענץ גערופען ווערען, דורך די יעניגע, וועלכע האבען אויף זיך גענומען די אויפגאבע און עס וועט קומען צו א פערשטענדיגונג, הויפטזעכליך, ווען זיי וועלען רעזיגנירען פון זייערע פריוואטע אמביציעס, זייענדיג איבערגעגעבען דער אידעע פון דער קערפערליכער ענטוויקלונג, וועגען וואס מען פרעדיגט אויף יעדען טריט און שריט.

די פראגע וועגען דער פעראייניגונג פון די ספארט־קלובען איז ביים היינטיגען טאג איינע פון די אקטועלסטע, נישט נאר אין די ספארט־רייהען, נאר ס'איז אויך וועגען איהר זעהר ברייט דעבאטירט געווארען אויף דער לעצטער אלגעמיינער פערזאמלונג פון דער געזעלשאפט „טאז" אין צוזאמענהאנג מיט'ן פיהרען גימנאסטיק אין די חדרים און שולען, וועלכע זענען אונטער דער אויפזיכט פון דער געזעלשאפט. קיין פראגע האט נישט ארויסגערופען אזוי פיעל דעבאטען פון די אנוועזענדע, ווי די קערפערליכע ענטוויקלונג פון אונזער שול־יוגענד.

דער „טאז" האט א רייהע יאהרען געהאט א ספעציעלען ספארט־אינסטרוקטאר, וועלכער האט געפיהרט גימנאסטיק אין די שולען, נאר צוליעב געלדמאנגעל איז די געזעלשאפט געווען געצוואונגען צו איבעררייסען די קערפערליכע ענטוויקלונג, וועלכע זי האט פראיעקטירט ווייטער פארטצוזעצען מיט דער מיטהילף פון די ספארט־פעראיינען. ליידער צוליעב דער צושפליטערונג איז עס נייט צושטאנד געקומען.

די אנוועזענדע דאקטוירים, פערוואלטונגס־מיטגלידער פון די ספארט־פעראיינען, האבען זיך ארויסגעזאגט, אז די יודישע ספארט־פעראיינען געהען אויף פאלשע וועגען, ווייל די לייטער בעמיהען זיך צו דערגרייכען ביי די מיטגלידער רעקארדען, נישט האבענדיג צו דעם קיין פאסיגען מאטעריאל, וואס ברענגט גרויסע שאדען די אנטיילנעהמער. אנשטאט צו פיהרען א געהעריגע ראציאנעלע, פיזישע און קערפערליכע ענטוויקלונג.

עס איז מעהר ווי זיכער, אז אויב די עקזיסטירענדע ספארט־פעראיינען וועלען פעראייניגען זייערע כוחות, וועלען זיי האבען די ברייטסטע אונטערשטיצונג פון דער געזעלשאפט הן מאראליש און הן מאטעריעל.

אלס א קליינע אילוסטראציע וועל איך בעריהרען פאלגענדען פאקט. ביים מאגיסטראט עקזיסטירט א אבטיילונג ספעציעל פאר ספארט און קערפערליכער ענטוויקלונג. וואו עס ווערען פערטיילט אלע נויטיגע ספארט־מכשירים און קאסטיומען. פון דער ספארט־אבטיילונג געניסען אלע פוילישע פעראיינען אין א קלענערער אדער גרעסערער מאס. שטעלט זיך א פראגע וויפיעל האבען שוין גענאסען פון דעם די יודישע ספארט־פעראיינען? אויב ס'וואלט נישט געווען קיין צושפליטערונג. וואלט מען געקענט אינטערוועגירען אין דער פראגע, הויפטזעכליך, ווען די יודישע ספארט־פעראיינען האבען דארט זייערע פארשטעהער אין דער פערוואלטונג און איך בין זיכער, אז אזא אינטערווענץ וואלט נישט געבליבען אהן רעזולטאט.

אזוי ווי יעצט איז א פאסיגער מאמענט, וואלט געווען זעהר ווינשענסווערט, אז עס זאל צושטאנד קומען א פעראייניגונג פון אלע עקזיסטירענדע יודישע ספארט־פעראיינען אין אונזער שטאדט, וואס עס וואלט געקענט דינען

אלס מוסטער פאר אנדערע שטעדט, אז אונזערע שוואכע כוחות זענען נישט צושפליטערט געווארען, ווי דאס איז ביים היינטיגען טאג.

מ. קרעמסקי

אין די פאהרסט אוועק אזוי גאנץ ווייט אין דיינע חלומות. יודען קומען קיין ארץ־ישראל, יודען פלאנצען פרדסים, עס ווערט אויס נויט, בקיצור — לעבעדיג פרעהליך!...

און מיט אמאל מוזיק! וואס? ווען? — מען רייסט זיך ארויס אויף דער גאס — און פאר די אויגען שטעלט זיך פאר אזא מין בילד: עס רייט פאראויס דיזענהאף, נאך איהם שפירא און אביסעל ווייטער — דער גאנצער „רייטער־קלוב". ביי יעדערען אין די הענד איז א פאקעל, זיי האלטען איהם הויך, א שטראם פון פייער פאראויס א ארקעסטער — און קלאנגען — הילכיגע קלארע קלאנגען — גיסען זיך צוזאמען אין א פרעהליכען „מעוז צור ישועתי"...

איך זוך אין דער רייהע מיין דווארזאנקע. יא, זי איז דא. הויך האלט זי דעם פאקעל. א אוראייניקעל פון „ריוריק דעם גרויסען" נעמט א אנטייל אין א חנוכה מארש פון יודישע רייטער! איז דאס נישט א נס?... די רייטער זענען אראב צום ים — און נאך זיי ציהט זיך א גרויסע מחנה פון נייגעריגע.

ווען די קלאנגען פון דער מוזיק זענען געווארען שטילער און שטילער, האבען מיר זיך ווידער פערקליבען אין קאפעע. די ויכוחים קלעבען זיך נישט. דאס בילד פון די רייטער שטעהט נאך פאר די אויגען. און ווען איך דערצעהל מיינע חברים, אז צווישען די רייטער געפונט זיך „ריוריק דעם גרויסען'ס א אוראייניקעל, זענען אלע אויף א ווילדע ווי פערשטומט געווארען, ביז איינער האט זיך דערמאנט:

— ר' מאיר — זאגט ער — א פארציע לאטקעס לכבוד ריוריק'ס אייניקעל, וואס הויבט אויף א פאקעל אין דעם יום־טוב פון די חשמונאים!

נאכ'ן לעצטען אויפטריט פון היגען דראמאטישען קרייז.

בעמערקונגען.

דער היגער דראמאטישער קרייז, וועלכער האט במשך זיין צוויי־יעהריגער עקזיסטענץ אויפגעפיהרט מעהרערע זאכען — און מען מוז מודה זיין, גאנץ געלונגענע, פון א געקליבענעם רעפערטואר — האט אלס מאראלישע בעלוינונג בעקומען די סימפאטיע און אנערקענונג פון דער בעסערער יוגענד. (פערשטעהט זיך: נישט די אזוי־גערופענע גאלדענע אדער קרעמערישע יוגענד), וועלכע האט נעזעהן אינ'ם קרייז דאס מיניאטור־ווינקעלע פון ערנסטער, שעפערישער ארבייט אויפ'ן יודישען קולטור־געביעט אין אונזער שטאדט.

פערגאנגענע וואך האט דער קרייז ווידער אויפגעפיהרט סט. וויספיאנסקי'ס „ריכטער" און מיט דעם איינאקטער אויסגעפולט דעם גאנצען אוועגד. א שאד, א גרויסער שאד, וואס קיינער האט נישט פארגעזעהען און א טראכט געטהון וועגען דעם, וואס מען דארף שפילען און מיט וואס מען דארף אויספולען דעם אווענד. דער קרייז וואלט פון דעם א סך געווינען.

ארומרעדען דעם גאנצען קאמפלעקס פראגען, ווי: אויסוואהל פון רעפערטואר, איינהייטליכקייט פון דיאלעקט א"א, וואס איז ענג פערבינדען מיט א דראמאטישען קרייז — איז שווער אין א בעגרעניצטען צייטונגס־ארטיקעל. איך וועל זיך דעריבער אבשטעלען נור אויף דער זאך גופא.

קודם־כל קען מען נישט מסכים זיין מיט'ן רעזשיסער ה' פיעקארסקי, וועלכער וויל האבען, אז „די ריכטער" זאלען נישט „אביסעל" טענדענציעז געשריבען. ה' פיעקארסקי איז אויך מודה אז די נעשטאלטען שמואל און נתן זענען נישט קיין „סימפאטישע" פאר'ן יודישען פאלק, ווייל דאס זענען וואוכערניקעס, כיטרע פערשוינען, וועלכע זענען פעהיג אויף אלעם אין דער וועלט. — דערפאר אבער איז יאקעלע און יואש (א קינד נאך כמעט) די פערקערפערונג, די בעסערע און שענערע זייט פונ'ם יוד...

זעהר א שוואכע ארגומענטאציע און א נאאיווער תמימות'דיגער שטאנדפונקט. בכלל לוינט נישט פיעל צו רעדען וועגען דער זאך גופא, ווייל ערשטענס איז עס סטעניש בלאס, שוואך און טריקען ביז צו לאנגווייליגקייט און צווייטענס, איז דאס פאר אונז סתם קיין פראבלעם נישט. א שאד נאר, וואס דער דראמאטישער קרייז, וועלכער האט אייניגע זעהר פעהיגע כחות, זאל איבער דעם פטר'ן צייט. ביים היינטיגען טאג, ווען אויפ'ן ביכער־מארק געפונט זיך אזא רייכע שפע ערשטקלאסיגע סצענישע זאכען פון אלגעמיינעם, ווי אויך יודישען רעפערטואר, אין וועלכע מיר געפונען אבהאנדלונגען, נשמה־ראנגלעניש, קאנפליקטען פון פאליטישען סאציאלען, אלגעמיין־מענשליכען און יודישען אינהאלט — ביים שיין פונ'ם דאזיגען זענען „די ריכטער" א מינימום פאר'ן דערוואקסענעם עולם.

וויספיאנסקי'ס „ריכטער" קען אויפגעפיהרט ווערען דורך פוילישע שילער פאר פוילישער שול־יוגענד, זיי קענען אפשר אין דעם „עפיס" געפונען. אין ערגסטען פאל קענען דאס אויך טהון יודישע שילער פאר שול־יוגענד, אבער פאר קיין פאל נישט א דראמאטישער קרייז, וועלכער האט שוין אויפגעפיהרט אייניגע ערנסטע ליטעראריש־זאכען — וועגען דעם האט די רעזשי געדארפט געדענקען.

איצט נאך א זאך אויף להבא: דער פעהיגער דראמאטישער קרייז, וועלכער האט ביי אונז אין שטאדט א ברייט פעלד פון ארבייט, דארף מעהר לעגען אכט אויף דער איצט־מאדערנער קאנסטרוקטיוויסטישער ליניע, ווייל וויפיעל מיר זאלען נישט האבען דורך־ארץ פאר די קלאסיקער און פערהערליכען די אלטע וועלט—האבען מיר אבער מעהר חוש און פערשטענדניש פאר'ן טעמפא פון דער יעצטיגער צייט. מיר ווילען קודם־כל זעהען אין דער ליטעראטור ווי אויף דער ביהנע א אבשפיגלונג פון זיך אליין, פון דער דרויסענדיגער זודיגער וועלט.

*

פ. אלטמאן (שמואל) איז געווען גוט, דער מאנאלאג צום סוף איז אבער צו לאנג, ער האט שוואך געווירקט. מען האט איהם געדארפט כאטש אויף א העלפט קירצען. פרוי אסתר ראזינער (יעוודאטא) איז דאסמאל געווען אביסעל שוואך, פשוט דערפאר, ווייל דאס איז נישט איהר זשאנר. זי איז אויך געווען שלעכט כאראקטעריזירט. ח. ארבאך (נתן) און א. ביבער (יאקעלע) האבען געשפיעלט מיט פערשטענדניס. עס איז ווערט צו בעמערקען, אז דאס 11 יעהריגע מיידעלע שמולעוויטש (יואש) האט אלס דעביוטאנטין געשפילט די גאנצע צייט אויסגעצייכענט און זיך פריי געהאלטען אויף דער ביהנע; זי האט טאקי געמאכט אויף אלעמען א שטארקען איינדרוק; זי דארף ווייטער ארבייטען און ענטוויקלען איהר טאלאנס. מ. ווייס (בעטלער) האט געגעבען א געלונגענעם טיפ פון א בעטלער און איז געווען אויף זיין ארט. די איבריגע, ווי: מ. ביבער, מ. אקרענט, ראזענצווייג, ווייסבערג, גרילאק, פרוי ויידמאן און פרל. פעלדמאן האבען מיטגעווירקט צום ערפאלג פון דראמאטישען קרייז.

מרדכי קויפמאן.

נישט געקענט אויספאלען ווי געהעריג אבער דער פעראיין, וועלכער האט מיט דער אקאדעמיע געוואלט בעעהרען דעם אנדענקען פון זייער חבר, האט דאך געדארפט האבען מעהר אכטונג פאר'ן פערשטארבענעם און ארויסשטעלען א רעדנער, וועלכער זאל זיין געניטער בעקאנט מיט דער ברייטער טעטיגקייט פון געניאלען נפטר, ווי עס איז געווען ד"ר גדליהו ווייס.

חברים פון פועלי־ציון, אביסעל מעהר כבוד!

א גאלדענער פראיעקט.

מיר האבען געהאט א חשוב'ן גאסט אין טשענסטאכאוו — דעם געוועזענעם פרעמיער־מיניסטער און היינטיגען סענאטאר מאראטשעווסקי, וועלכער האט אונז בעגליקט מיט א רעפעראט.

דער רעפעראט איז געווען א מייסטערשטיק און ווען דער פראיעקט וואס ער האט אונז פארגעלעגט וואלט אויסגעפיהרט געווארען, וואלטען מיר דא אין פוילען יעדענפאלס פטור געווארען פון דעם קריזיס, וואס מאכט פון אונז א תל־עולם.

ער האט נעמליך פארגעלעגט, אז מען זאל נאך דריקען אביסעל קליינגעלד פון דריטהאלבען מיליארד זלאטעס און דאן וועגען עקספארט און אימפארט. מיט איין ווארט א גאלדענער פראיעקט. דער עולם איז פשוט פערכאפט געווארען און איהם שטארק אפלאדירט און אויפ'ן הארצען איז געווארען אביסעל לייכטער. אט האבען זיך אלע געטראכט, וועט זיך אנהויבען א נייע לעבען, מען וועט בויען הייזער, מען וועט לאזען די פאבריקען, איז דאך ממילא אויס ארבייטסלאזיגקייט, אויס צרות, עס וועלען זיך צוריקקעהרען יענע פארמלחמה'דיגע יאהרען.

בין איך מיר אזוי געזעסען און געטראכט: פאניע מיניסטזשע, אויב דאס איז אזא גוטער פראיעקט, טא צו וואס קומסטו אהער מיט איהם קיין טשענסטאכאוו אין „גראנד־קינא". וואס קענען מיר ארימע מענשען טהון, אז דאס זאל פערווירקליכט ווערען, בעסער וואלט דאך געווען, אז איהר זאלט מיט דעם פראיעקט געהן צו דער רעגירונג, מיט וועלכער איהר זענט דאך, דאכט זיך, נישט ברוגז און זיי דארט פארלעגען דעם גאלדענעם פראיעקט...

די גרויסע רעווי.

פאר אייך, קינדערלעך, וועל איך דערצעהלען וועגען דער גרויסער רעווי, וואס איז פארגעקומען דעם לעצטען שבת אוונד אין „גראנד־קינא".

איהר, טייערע קינדערלעך, זענט דעם שבת אוונד, גאנץ געשמאק געשלאפען און עס האט זיך אייך אפילו נישט געחלומ'ט, אז די גרויסע זארגען פאר אייך און ארבייטען און שוויצען, אז אייך זאל נאר גוט זיין...

טא זייט וויסען קינדערלעך, אז איהר זענט נישט פערלאזט, אז מען האט אייך גוט אין זינען...

שוין עטליכע וואכען ווי מען האט זיך געגרייט אויף דער גרויסער רעווי, די שניידער האבען געמאכט קאסטיומען, די פריזירער האבען געשוירען און פריזירט, די מאניקירזיסטקעס האבען מאניקירט און די סוחרים האבען געלייט פאר פערשידענע שמאכטעס, וואס זענען געווען נויטיג פאר די דאמען, וואס וועלען זיך בעווייזען צווישען לייטען.

איצט ערשט די, וואס האבען אנטייל גענומען אין דער רעווי, פון זיי איז עס דאך גאר געווען א העלדישקייט. זיי האבען געטאנצט, געזונגען און געשפילט פערשידענע סקעטשען און זיך ממש מוסר נפש געווען און צוליעב וועמען מיינט איהר, פאר זייער פערגעניגען וועגען? האט איהר א טעות — אלץ פאר אייך, קינדערלעך.

ווי אזוי די רעווי האט אויסגעזעהען איז דאך אייך נישט קיין נפקה מינה, איהר קענט זיך דאך נישט אויף דעם. אזוי למשל, ווי איך, וועלכער קען זיך אויך נישט אויף אזעלכע רעווי־נומערען (איך בין באמת נישט קיין מבין...) דער עיקר איז אבער, אז אלע, די גאנצע טשענסטאכאווער „עליטע" איז געווען אויף דער רעווי און אויך זיי זענען נישט געקומען, כדי זיך צו וויילען, נאר אלץ צוליעב אייך, קינדערלעך, איהר ליגט זיי אין זינען, אייער לאגע לאזט זיי נישט שלאפען און כדי אייך זאל גוט זיין, האבען זיי באדיי נישט געשלאפען, נאר געטאנצט ביז אין דער פריה און זיך געווײלט.

אייך איז וואויל, אייך איז גוט, מען זארגט פאר אייך, מען איז זיך מקריב, אבי עס זאל אייך נאר זיין בעסער.

אבגענארטע האפנונגען.

עס איז גלייכער דער טרויעריגער אמת, איידער דער הערליכסטער שקר.

איך מיין דאס אקעגען דעם, וואס אונזערע לאוניקעס האבען אונז אין משך פון יאהרען כסדר געשפייזט מיט האפנונגען, אז מיר וועלען נישט דארפען בעצאהלען קיין „מיעשקאניאווע", ד. ה. זיי האבען אונז נישט געהייסען נישט בעצאהלען, נאר ווען מיר זענען געקומען אין מאגיסטראט אריין און געבעטען, אז מען זאל אונז בעפרייען צוליעב ארבייטסלאזיגקייט, אדער גאר פשוט צוליעב קליינע פערדינסטען, האבען זיי צוגענומען די קוויטעס און אונז מבטיח געווען, אז מיר זענען בעפרייט.

אויף אזא אופן האט אויך אביסעל אונטערגעצינדיגט אונזער יודישער לאוניק און ליידער האט די דאזיגע הבטחה ארייגעגעיהרט א סך מענשען אין א טעות, וואס האט זיי געקאסט אומזיסט געלד.

די אלע, וועלכע האבען כלומר'שט געטראכט, אז מען האט זיי געשענקט די פארלעגענע שטייערען פון מיעשקאניאווע פאר א פאר יאהר האבען יענע וואך בעקומען צוגעשיקט נאקאזען פאר דער גאנצער צייט מיט פראצענט און שטראפען, אזוי, אז פאר די עטליכע זלאטעס, מוז מען בעצאהלען 4 מאל דאפעלט און אויב נישט, נעמט מען ארויס די לעצטע בעבעכעס.

טא צו וואס זענען געווען די הבטחות, וועלכע זענען נישט מעהר געווען ווי אבגענארטע האפנונגען.

לויתן

אויפרוף.

50 יאָהר זענען אריבער זייט עס האָט זיך אָנגעהויבען די חבת-ציון בעוועגונג, 50 יאָהר זענען פערביי פון יענעם מאָמענט, ווען אויף די זאַמדען און זומפען פון דעם פערוואָרלאָזטען א"י האָבען זיך בעוויזען די בילויים אונזערע ערשטע פּיאָנערען, וואָס האָבען אָנהויבען בויען אַ היים פאַר'ן פערוואָגעלסטען פאָלק אויפצוריכטען די אור-אַלטע יודישע היים.

ערשט 50 יאָהר זענען אַוועק זייט עס איז אויפגעגאַנגען אַ נייע זון איבער אונזער פינסטער גלות-לעבען, זייט עס האָט זיך אָנגעהויבען דער בוי פון אונזער ישוב אין א"י. און ווי גרויס איז דער ענטוויקלונגס-וועג פון יענע ערשטע מאָמענטען ביז היינט! פון יחידים, פון אייניגע פעראיינען פון חובבי-ציון זענען מיר אויסגעוואַקסען צו אַ מעכטיגער פאָלקס-בעוועגונג, פון דעם אדעסער חובבי ציון קאָמיטעט, וואָס האָט אָנגעהויבען אויסלייזען דעם באָדען אין אונזער לאַנד, איז אויסגעוואַקסען די גראַנדיעזע ציוניסטישע וועלט אָרגאַניזאַציע מיט איהר גאַנצען מלוכה אפאראט מיט איהרע גרויסע און רייכע פאָנדען, פון עטליכע ווינציגע קאָלאָניעס, וואָס האָבען זיך קוים געקענט האַלטען, איז ענטשטאַנען דער יעצטיגער ישוב פון קרוב 200.000 נפשות מיט זייערע הונדערט קאָלאָניעס, פאַבריקען, שפּיטעלער, שולען אוניווערזיטעט! במתי מעט האָבען מיר געשטעלט אונזערע ערשטע שריט און היינט זענען מיר א שטאַרקע אָרגאַניזירטע מחנה!

אָבער נאָך ווייט איז דער וועג, וועלכען מיר האָבען צו געהען.

50 יאָהר „חבת-ציון" און „בילו"!

די גאַנצע יודישע וועלט פייערט אָט דעם וויכטיגען היסטאָרישען יובל, מען דערמאָנט די ערשטע טעג פון אונזער אויפלעבונגס-בעוועגונג, ווי שווער עס האָבען געקעמפט אונזערע ערשטע חלוצים, די העלדישע בני ביל"ו (בית יעקב לכו ונלכה), וואָס פערלאָזענדיג זייערע למודים אין די אוניווערזיטעטען, זייער היים און עלטערן, זענען זיי אָבגעפאָהרען, די ערשטע עולים קיין א"י, זיך מקריב געווען פאַר דעם פאָלק און אָנגעהויבען פאַר איהם בויען אַ נייעס לעבען און אַ נייע היים.

אָבער נישט נור דערצעהלען ווילען מיר דעם היינטיגען דור די גבורות די לייסטונגען פון זייער אבות. מיר ווילען זיי שטעלען א לעבעדיגען מאָנומענט, א אייביגען זכרון פון יענע מענשען, וואָס האָבען מיט זייער שווייס און בלוט געלייגט דעם פונדאַמענט פון דעם ישוב אין א"י.

צוויי נייע קאָלאָניעס זאָלען דאָס יאָהר געגרינדעט ווערען אויפ'ן נאָמען פון „חיבת-ציון" און „בילו"!

פונקט ווי אין אַנדערע שטעהט הויבען מיר אָן אין טשענסטאָכאָוו א גרויסע אַקציע פאַר דער פערווירקליכונג פון דעם ציל.

אַלע פריינד פון גאולת הארץ ווערען דורך אונז גערופען צו שטעלען זיך אין די רייהען פון די מיטבויער און די מיטשעפער פון אַ בעסערער צוקונפט אינ'ם לאַנד פון אונזערע אבות!

קאָמיטעט צו פייערען דעם יובל פון „חבת - ציון" און „בילו"

אין טשענסטאָכאָוו.

יוסף שמעון קאַבלינץ	רעד. ישראל פלאַצקער
ראובן פישמאַן	וואָלף גאָסטינסקי
וואָלף שיינוועקסלער	פראָפ. לאַוער
מענדיל האַראָוויטש	נ. ד. בערלינער
אברהם העניך פינקעלשטיין	פראָפ. סאַק
נחום שאַרף	יעקב מאיר גרינפעלד
דר. א. בראַם	הירש אבי ליבעראָוויטש
שמואל גאָלדשטיין	אליה איצקאָוויטש
מ. נויפעלד	יוסף שלעזינגער
חיים וועקסלער	לייב בראַמבערג
דר. הירשבערג	פרץ טענענבוים
דיר. פּראָסט	בעריש זשעריקער
פ. שפּיראָ	יוסף בלעכשטיין
דר. מעהרינג	לוי יונגסטער
אברהם אלעזר שענפעלד	יעקב קראַק
אנשיל וואַרשאַווסקי	מרדכי פינקעלשטיין
ישראל מענדיל זילבערבערג	דר. האַראָוויטש
לייביש קאַפּינסקי	יצחק טשענסטאָכאָווסקי
פראָפ. יאַנאָווסקי	יחיאל גאַריכטער
דר. נ. שאַפּיר	

זיצונג פון דער סאָסנאָוויצער האַנדעלס-קאַמער.

עס איז פאָרגעקומען אַ זיצונג פון דער סאָסנאָוויצער האַנדעלס - קאַמער, וועלכע האָט זיך בעשעפטיגט מיט אַ רייהע פראַגען פון טאָג - אָרדנונג, ווי: וועגען ענדערן דעם רעגולאַמין און וועגען ענדערן די ערשטע אָבטיילונג פון סטאַטוט פון דער האַנדעלס - קאַמער.

די טעלעפאָן-צענטראַלע ווערט איבערגעטראָגען אין דער נייער פאָסט-געביידע,

שוין אייניגע טעג ווי עס דויערט די אַרבייט ביים איבערטראָגען די טעלעפאָן-צענטראַלע אין דער נייער פּאָסט-געביידע.

ביז היינט זענען שוין איבערגעטראָגען געוואָרען 450 טעלעפאָן-אַבאָנענטען די אַנדערע 450 געניסען נאָך פון דער אַלטער צענטראַלע. אייגענטליך אין גרונד גענומען געניסען זיי איבערהויפּט נישט פון די טעלעפאָנען, ווייל אין משך פון די לעצטע טעג פונקציאָנירען אַ גרויסע צאָהל טעלעפאָנען איבערהויפּט נישט.

דאַס פערענדיגען די דאָזיגע אַרבייט וועט דויערען ביז נאָך די חגאות.

מיידט אויס אָנשטעקונגען!

איינער פון די אויספּרובירטע מיטלען, וועלכער לאָזט נישט צו קיין אינפעקציע אין מויל און אין קעהל, וואו עס בעהאַלטען זיך די מיקראָבען פון גריפּע, אַנגינע, דיפטעריט, שקאַרלאַטין און פּאָקען, איז דאָס אויסגעצייכענטע פערהיטונגס-מיטעל „פּאַראַמינט-ערבע". „פּאַראַמינט-ערבע", דאָס זענען טאַבלעטקעס מיט אַנ'אַנגענעהמען געשמאַק. לויט'ן יעצטיגען בעשטאַנד פון דער מעדיצינישער וויסענשאַפט, איז פּאַראַמינט דאָס ווירקזאַמסטע דעזינפעקציע-מיטעל, וועלכעס מוז אומבעדינגט בענוצט ווערען, ווען עס ענטשטעהט די מורא פון אָנשטעקונג, ווי צ. ב. ביים אומגעהן זיך מיט קראַנקע (בעת אַנ'עפּידעמיע) אין דער היים, שפּיטאָל, שולע אאַ"וו. 1—2 פּאַראַמינט-טאַבלעטקעס צולאָזט עטליכע מאָל טעגליך אין מויל לאָזען נישט צו די אינפעקציע. געניסט פון דער נייער, בעקוועהמער טאַשען-פּאַקונג צו 20 טאַבלעטען, וואָס עס איז צו בעקומען אין יעדער אַפּטייק און אַפּטייק - סקלאַד. פּאַראַמינט איז אַ פּרעפּאַראַט איננאָנצען פאַבריצירט אין לאַנד און דאַריבער קויפט נישט די טייערע אויסלענדישע פּרעפּאַראַטען, בענוצענדיג נאָר פּאַראַמינט. דערמיט שטיצט איהר די לאַנד-פּראָדוקציע.

אַכטונג!

ווילנער = דעקל

איך בעזיץ אויפ'ן לאַגער א גרויסען אויסוואַהל

פערשידענע שטערקען פאַר שוסטער, היטעל-מאַכער און שאַכטעל-מאַכער צו ביליגע פרייזען

מ. ק. קראַמאַלאָווסקי אַלטער מאַרק 13

איך האָב אויך צו פערדינגען א געוועלב.

אַנ'אולען-קאָמיסיע קומט קיין טשענסטאָכאָוו.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם חוב פון צירקאַ דריטהאַלבען מיליאָן זלאָטעס, וועלכע אונזער שטאָדט דאַרף בעצאָהלען פאַר קאַנאַליזאַציע און וואַסערלייטונג, וואָס עס איז ביי דער איצטיגער קריטישער צייט אונמעגליך, קומט קיין טשענסטאָכאָוו אַראָב אַ ספּעציעלע קאָמיסיע, וועלכע וועט אויפ'ן אָרט נאָכפאָרשען די צאָהלונגס-מעגליכקייטען פון אונזער שטאָדט.

צוזאַמען מיט דער אולען - קאָמיסיע וועלען אויך מיטקומען פערטרעטער פון די פעראינטערעסירטע מיניסטעריום'ס.

פון בית-לחם.

צוליעב טעכנישע סבות וועט די ציהונג פון דער פאַנטען-לאָטעריע פון בית-לחם וואָס האָט געזאָלט פאָרקומען דעם 28 ד. ח. אויף דעם 29 לוטי 1932, ווען די פערקויפטע בילעטען זענען גילטיג.

פון די קינאָ'ס.

אין די היגע קינאָ'ס ווערען דעמאָנסטרירט לכבוד די קריסטליכע חגאות ערשטקלאַסיגע פּראָגראַמען.

אין „גראַנד - קינאָ" ווערט געגעבען דאַס בעריהמטע . קלאַנג - פילם - בילד „די פערשיקטע" אויפ'ן באָדען פון רעוואָלוציאָנערען-קאַמף אין יאָהר 1905. אין די הויפּט - ראָלען: די בעוואוסטע פוילישע פילם-שטערנס: אַדאַם בראָדזיש, זאָרעמביאַנקאַ, וואַרקאָני.

„אַדעאָן" — אין די סיבירישע טייגעס" דראַמא פון לעבען פון די פּאָליטישע פערשיקטע אויף סיביר. און דער הויפּט - ראָל דער וועלט - בעריהמטער טראַגיקער, מייסטער פון עקראַן, בערנאַרד געצקע.

„נאָוואָשטשי" — דעמאָנסטרירט ענדליך דאָס גרויסע מייסטערווערק פון טשאַרלי טשאַפּלין: „די ליכטער פון דער גרויסער שטאָדט", וואָס האָט אַרויסגערופען אין דער גאַנצער וועלט אַ גרויסען אינטערעס און געהאַט דעם גרעסטען ערפאָלג אומעטום.

שוואַכע לייזונג פאַר די חגאות.

אין געגענזאַץ צו אַנדערע יאָהרען איז דאָס היי-יאָהריגע לייזונג כּמעט אין אַלע געשעפטען געוועזן זעהר שוואַך. די סוחרים, ווי געוועהנליך, האָבען צוגעגרייט גרויסע זאַפּאַסען סחורה. זיי זענען אָבער ליידער געבליבען ליגען.

ווי עס ווייזט אויס בושוועט דער שרעקליכער קריזיס אומעטום, סיי אויף דער יודישער, סיי אויף דער קריסטליכער גאַס.

מיסיאָנערען אין דער יודישער גאַס.

ווי מיר ווערען געוואויר אַרבייט אין אונזער שטאָדט מעשים א חברה מיסיאָנערען. זיי צוטיילען פאַר 5—10 גראָשען מיסיאָנערישע ליטעראַטור אין דער יודישער שפּראַך.

מיר מאַכען דעריבער אויפמערקזאַם די יודישע עפעלקערונג בפרט די נאַאיווע יודען, אַז זיי זאָלען זיך נישט לאָזען אַריינגענאַרען אין דער נעץ פון די מיסיאָנערען.

פון ספּאָרט-קלוב „אסכלה".

דער סעקרעטאַריאַט פון ספּאָרט-קלוב „אסכלה" מעלדעט, אַז נאָכדעם ווי זיי האָבען זיך פעראינטערעסירט און געוואָנדען וועגען די בעדינגונגען פון פאָהרען אויף דער מכביא'דע, האָ-זיי דערהאַלטען אַ קאָמוניקאַט פון צענטראַל-קאָמיטעט מיט אַלע איינצעלהייטען בנוגע דער אָלימפּיאַדע.

די פעראינטערעסירטע פערזאָנען קענען זיך מעלדען אין סעקרעטאַריאַט פון „אסכלה", וואו זיי וועלען בעקומען גענויע אינפאָרמאַציעס.

יודען!

די נויט אין דער יודישער גאַס איז אונבעשרייבליך

שטיצט דעריבער דעם הילפס - קאָמיטעט פאַר יודישע קריזיס - געליטענע!

קליינער פעליעטאָן.

מיין זיסער חלום...

מיין קריסטליכער שכן, מיט וועלכען איך לעב זעהר גוט און בשלום איז אריינגעקומען צו מיר אין דער ווייהנאַכט, ווען איך בין שוין געווען גרייט צו געהן שלאָפען און ער האָט מיך פערבעטען בייצוואוינען די ווייהנאַכטפייערונג ביי דער כאָאינקע.

דאַביי האָט ער, מיין שכן, דערצעהלט וועגען דער גרויסער קריסטליכער ליבע, וואָס הערשט אויף דער וועלט, ווי אַזוי אַלע מענשען זענען ברידער און דיענען צו איין גאָט און נאָר די ליעבע בעהערשט די וועלט און דאַרף זיין דער איינציגער מקור פון גאַנצען לעבען.

ער האָט דאָס גערעדט מיט אינערליכער איבערצייגונג, וואָס עס האָט אויף מיר שטאַרק געווירקט און ווען מיין שכן איז אַוועק (פערשטענדליך אָהן מיר) און איך בין איינגעשלאָפען, האָב איך אין שלאָף געזעהען אַ הערליכע, אימפּאָזאַנטע פאָרשטעלונג:

אויפ'ן מאַגיסטראַט - פּלאַץ איז פערזאַמעלט אַ גרויסער עולם יודען און קריסטען. אין מיטען פּלאַץ שטעהט אַ טריבונע, אויף וועלכער עס בעווייזען זיך פערשידענע רעדנער, צווישען וועלכע איך דערקען עטליכע היימישע, ווי למשל: קאַרדיני, דזיובאַ, כאַלעוויצקי און כאַינאַצקי. דאַן בעווייזט זיך שמואל גאָלדשטיין און ראָזענבערג, מענדיל פאָגעל און ד"ר בראַם. אין פּרעזידיום זיצען צווישען אַנדערע, אויך אַנשיל וואַרשאַווסקי, אברהם דזיאַלאָווסקי און ד"ר סטעפאַן קאָהן. אַלע רעדנער רעדען וועגען שלום און אחדות, וועגען ברודערליכקייט און יושר.

צווישען עולם טיילט דער „ראָזוואַי" פערשידענע אויפרופען, וואו זיי בעדויערען זייער פריהערדיגען שריט מיט דער באָיקאָט-העצע און רופען, אַז פון היינט אָן און ווייטער זאָלען יודען און קריסטען לעבען בשלום און אַלע זאָלען נאָר שטרעבען צום וואוילשטאַנד פון לאַנד, אין דערביי האַלט מען זיך און מען קושט זיך און די פריידיגע געשרייען פערהילכען די לופט.

פלוצים הערט זיך אַ קלינג און דורכ'ן מעגאָפאָן, וואָס איז געווען אויסגעשטעלט, הערט זיך דאָס קול פון פאָרזיצענדער, אַז ער גיט איבער דאָס וואָרט דעם ספּעציעלען שליח פון וואַרשאַ, דעם געוועזענעם פּרעמיער-מיניסטער מאָראַטשעווסקי.

— עס איז געווען שלעכט ביז-איצט —דונערט דאָס קול פון רעדנער—דערפאַר, ווייל מיר האָבען געמאַכט טעותים, מיר האָבען מעהר אין זינען געהאַט פּאָליטיק, ווי רעאַלע אַרבייט. היינט אָבער, ווען אונז אַלע האָט בעהערשט דאָס געפיהל' פון ברודערליכקייט און מענשליכע ליעבע דאַרף מען נאָר טראַכטען וועגען וואוילטהאָט פון די פוילישע בירגער אָהן אונטערשיעד פון נאַציע, וועלכע בעוואוינען די פוילישע ערד.

און דער רעדנער ענטוויקעלט אַ פּראָיעקט, ווי אַזוי מען וועט אויסמיידען דעם קריזיס און אַלעמען וועט זיך לעבען גוט.

אויך ווערט געלעזען אַ בעגריסונגס-טעלעגראַמע פון אַדאָלף היטלער, וועלכער בעגריסט דאָס פוילישע פאָלק צו זייער יום - טוב און ער קלאַפּט זיך הטאתי פאַר זיינע אַפּעטיטען צוצוכאַפּען שטיקער פוילען.

אויך מאַכט ער אַ קאָמפּלימענט דעם יודישען פאָלק, אַז זיי זענען די בעסטע און פיינסטע מענשען צווישען אַלע פעלקער.

רוישיגע אַפּלאָדיסמענטען פערהילכען די לופט און ווידער נעמט מען זיך אַרום און מען האַלזט זיך.

דאַן נעמט דאָס וואָרט פ. שפּיראָ, וועלכער מאַכט אויפמערקזאַם, אַז ביז מ'וועט פערווירקליכען דעם נייעם פּראָיעקט, זענען נאָך דאָ ליידער הונגעריגע און נאַקעטע, איבערהויפּט צווישען יודען. דעריבער זאָל מען זיי ברענגען עפּיס צו עסען און אויך אַביסעל מלבושים מיט אַביסעל קויהלען, און איידער ער פערענדיגט [די רעדע שטעלען זיך אויס הורמעס מענשען, וועלכע וואַרפען גאַנצע הויפענ'ס געלד און מלבושים, אויך פאָהרען צו עטליכע וואַגאָנען קויהלען און די פרוי ד"ר ראָוועסאַרנאָ טיילט געלד מיט קאַרטאָפעל, פרוי וועקסלער טיילט מלבושים און פרוי אינזש. דאַווידאָוויטש מעסט אָן מלבושים אויף די נאַקעטע לייבער פון די פעטענטען.

די פערזאַמלונג איז געענדיגט און דער יודישער עולם לאָזט זיך געהן אין אַ פּראָצעסיע אַהיים אונטער די קלאַנגען פון גימנאַזיום-אָרקעסטער און פון דער „לירא", צווישען וועלכע עס מאַרשירען אויך די שילער פון ד"ר אָקסער'ס גימנאַזיום אונטער דער אָנפיהרונג פון פּראָפ. זאַקס.

די פּראָצעסיע טיילט זיך אויף צוויי, אַ טייל געהט אין דער נייער סינאַגאָגע, וואו דער רב ר' נחום אַש בענשט די היסטאָרישע שעה, ווען אַלע פּאַרטייען האָבען זיך געגעבען די הענד. און איין טייל עולם איז אַוועק אין דער אַלטער שוהל וואו ד"ר הירשבערג האַלט אַ יודישע רעדע מענינא דיומא.

דאַן ווערט ערקלערט, אַז אין דער קהלה קומט פאַר אַ היסטאָרישע זיצונג, וואו דאָס געשעהעניש זאָל ווערען פערשריבען אין אַ גאָלדען בוך.

אין דער קהלה איז וואַרים און ליכטיג, חונטשע געהט אָנגעטהון אין אַ פראַק מיט אַ צילינדער און ער שמייכעלט צו אַלע און אַפילו שמואל גאָלדשטיין מיט וועקסלער'ן דריקען איהם די האַנד.

דעם פאַרזיץ פיהרען [ביידע פרעזעסען, סיי דער אַלטער ווי אויך דער נייער און דער ראַבינאַט-סעקרעטאַר ה' מענדיל אַש פיהרט דעם פּראָטאָקאָל.

איך זיץ און קוק זיך צו צו דעם אַלעם און מיר רינען טרעהרען פון די אויגען. אָט האָב איך דערלעבט די גליקליכע שעה, ווען עס האָט אויפגעהערט דאָס אַרומרייסעניש מיט די מחלוקות, פליאַטקעס און בלבולים און מיט בעגייסטערונג שריי איך אויס: געבענשט זאָל זיין די שעה און — פּלוצים, פיהל איך ווי עמיצער האַלט מיך מיך ביי דער האַנד און טרייסעלט מיך.

— — —

איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, איך קוק זיך אַרום, עס איז פינסטער און מיין ווייב וועקט מיך. איך דערמאָהן זיך ליידער אין דער טרויעריגער ווירקליכקייט, וואָס איז זעהר, זעהר ווייט פון מיין טרוים...

לאַנג האָב איך געטראַכט וועגען דעם מאָדנעם חלום וואָס איך האָב געהאַט, אַ דאַנק וועלכען איך האָב געהערט רעדען אין נאָמען פון מענשען-ליעבע...

סמאל

די רעוויו אין „גראַנד-קינאָ".

שבת, דעם 19 ד. ח. האָט אַ גרופּע אַמאַטאָרען אויסגעפיהרט לטובת דער יודישער אָכראַנקע ביים „דאַבראַטשינ-נאַשטש" אַ רעוויו א. נ. „אונטער די דעכער פון טשענסטאָכאָוו".

דער זאַל איז געווען פול געפּאַקט און צעהנדלינגער מענשען זענען געווען געצווינגען צו רעזיגנירען צוליעב דעם אויספּעהלען פון בילעטען, נישט קוקענדיג דערויף, וואָס עס זענען פערקויפט געוואָרען העכער 100 בילעטען איבער'ן קאָמפּלעט. אַזאַ ערפאָלג האָט שוין לאַנג נישט געהאַט קיין אימפּרעזע אין אונזער שטאָדט. דאָס איז געווען איינע פון די געלונגענסטע אונטערנעהמונגען און דעריבער איז צו האָפען, אַז די הכנסה פון דער פאָרשטעלונג וועט זיין איבער 2 טויזענד זלאָטעס, וואָס וועט געבען די מעגליכקייט דער אָכראַנקע ווייטער פאָרטצוזעצען איהר נוצליכע ערציהונגס- און בעקליידונגס - אַרבייט, דען ווי עס איז בעקאַנט פיהרט די לייטונג אין די פערזאָנען פון דער פרוי וויערזביצקאַ און ה' וו. גאָסטינסקי אַ מוסטערהאַפטע און איבערגעבענע אַרבייט אויף דעם געביעט. לעצטענס, צוליעב מאַנגעל אין געלד זענען זיי געוואָרען געצווינגען אין אַ געוויסער מאָס צו בעשרענקען זייער אַרבייט.

ווען מען זאָל וועלען איבערגעבען דעם פּראָגראַם וואָלט עס פערנומען צופיעל אָרט.

די רעוויו איז געווען אַ אָבשפּיגלונג פון דעם טאָג-טעגליכען לעבען סיי אין דער היים, קאָנדיטאָריי, ווי אויך אין דער גאַס פון אונזער „היי-לייף".

מען מוז פעסטשטעלען, דאָס מאַנכע זאַכען זענען געווען זעהר געלונגענע און אויסגעצייכענט קאָפּירט פערשיעדענע טיפּען פון אונזער שטעדטעל. אין דער פּיעסע זענען געוואָרען אריינגעצויגען נעמען פון אַ גאַנצע רייהע בעקאַנטע פּערזאָנען פון אונזער שטאָדט.

אַלס געלונגענע קאָנפעראַנסיערקע איז געווען די פרוי אינזש. י. העלמאַן, וועלכע האָט געשיט מיט וויצען און האָט געוויילט דאָס פּובליקום, פאַר וואָס זי איז בעשאָנקען געוואָרען מיט אַפּלאָדיסמענטען און בלומען.

מ. ק.

דער „ראַזוואַי" ביי דער אַרבייט.

דער היגער „ראַזוואַי", וועלכער ווייזט אַרויס ביי יעדער געלעגענהייט זיין פּרצוף, נישט ווילענדיג בלייבען הינטערשטעליג געגען זיינע גענאָסען אין אַנדערע שטעדט האָט אין די טעג פאַר די קריסטליכע חגאות אַרויסגעלאָזט אין גאַס זיינע בעוואוסטע אַנטי-יודישע באָיקאָט-בלעטלעך, וועלכע זענען צוטיילט געוואָרען אין הונדערטער און טויזענדער צווישען דער קריסטליכער בעפעלקערונג.

אין די דאָזיגע פלוג-בלעטלעך רופט דער „ראַזוואַי" די קריסטליכע בעפעלקערונג, אַז אין דער צייט פאַר די הייליגע חגאות, ווען יעדער מענש טראַכט דער שלעכטער צייט, מוז זיך איינקויפען פערשידענע פּראָדוקטען אויף דער חגא, זאָלען זיי נישט וואַגען צו געהן צו לייזען קיין גראָשען אין אַ יודיש געשעפט און ביי אַ יודישען בעל-מלאכה.

דאָס געלד פון קריסטען—ווערט דאָרט געזאָגט—טאָר נישט אַריינקומען אין די הענד פון אייערע שונאים די יודען, און נאָר קויפענדיג פּוילישע פּראָדוקטען ביי פּאָלאַקען-קריסטען וועט יעדער וויסען, אַז ער האָט ערפולט זיין פליכט אַלס עהרליכער און אמת'ער קריסט.

מיר ווייסען ווי עס האָט בכלל אויסגעזעהען די פּרעקוועניץ אין די יודישע געשעפטען און אַרבייטס-וואַרשטאָטען אין דער היינטיגער שווערער צייט און ס'איז לייכט זיך פאָרצושטעלען, אַז אַזעלכע שרעקליכע באָיקאָט-אַגיטאַציעס האָבען אַ געוויסע ווירקונג אויף דעם יודישען האַנדעל און האַנדווערק, וועלכער וואַרט אַ האַלב יאָהר אויף דעם דאָזיגען פאַר-חגאות-סעזאָן, ווען יעדער סוחר און בעל-מלאכה דאַרף אויסקויפען פּאַטענטען און בעצאָהלען שטייערען.

לייטער פון דער פּאָוושעכנער שולע נומער 12, ה' מרגליות אין עמעריטור.

ווי מען טיילט אונז מיט, האָט דער לייטער פון דער פּאָוושעכנער שולע נומער 12, ראובן זאב מרגליות בעקומען אורלויב און פון 20-טען ד. ח. איז ער אַוועק אין עמעריטור.

ה' מרגליות האָט געאַרבייט אַלס פּעדאַגאָג 36 יאָהר און אויך אין טשענסטאָכאָוו האָט ער פערנומען דעם פּאָסטען אַלס לייטער פון דער פּאָוושעכנער שולע נומער 12 גאַנצע 6 יאָהר.

ה' מרגליות איז אין משך פון זיין לאַנגיעהריגער אַרבייט שטענדיג געשטאַנען אויף דער הויך פון זיין אויפגאַבע און ווי געטרייער פאָטער האָט ער ערצויגען די קינדער בעמיהענדיג זיי צו געבען אויסער אַלגעמיינע למודים, אויך איינצופלאַנצען אין זייערע הערצער ליעבע און אכטונג צום יודישען פאָלק און זיינע נאַציאָנאַלע קנינים.

די פּאָסט בעת די חגאות.

בשעת די חגאות וועט דער פּאָסט און טעלעגראַפען-אַמט טעטיג זיין ווי פאָלגענדעס:

24.12 — פון 8 ביז 12 און פון 15 ביז 17.

25.12 — אַלע פּאָסט - אָבטיילונגען וועלען נישט זיין טעטיג.

26.12 — וועלען אַרויסגעגעבען ווערען נור צייטונגען פון 9 ביז 11.

די בריף-טרעגער וועלען נישט צוטראָגען קאָרעספּאָנדענציעס דעם 25 און 26, דעם 27 וועלען אָנגעגעבען ווערען נור בריף-זענדונגען.

אַ גרויסע פּאַהן-פייערונג פון יודישען פריזיר-צעך.

דעם קינפטיגען זונטאָג קומט פאָר אין לאָקאַל פון האַנדווערקער-פערבאַנד די פּאַהן-פייערונג פון יודישען פריזיר-צעך.

צו דער פייערונג זענען איינגעלאַדען געוואָרען אַ רייהע געזעלשאַפטליכע און קולטור טהוער פון אונזער שטאָדט.

אויך קומט פאָר אַ גרויסער באַנקעט מיט רייכע אַטראַקציעס.

מיט איין וואָרט, די יודישע פריזירער גרייטען זיך צו פייערען אַ גרויסען יום-טוב.

פון דער „לירא".

די געזעלשאַפט „לירא" אָרדענט איין אין סילוועסטער-נאַכט אַ הערליכען באַל אין אייגענעם לאָקאַל אַלעע 14. אָנהויב 9-30 אָווענד. עס זענען פאָרגעזעהען זעהר שעהנע אַטראַקציעס, ווי רעפלעקטאָרען, טענץ - קאָנקורסען, בחנמ'דיגע פּרעמיעס אא"וו.

היינט, פרייטאָג 8 אָווענד קומט פאָר אַ דאַנסינג. איינגאַנג פאַר מיטגלידער און סימפּאַטיקער.

אַ פּיעסע פון אַ טשענסטאָכאָווער אויטאָר.

דעם 23 דעצעמבער ד. י. וועט אין קאַמעראַל - טעאַטער אויפגעפיהרט ווערען צום ערשטען מאָל אַ פּיעסע פון בעקאַנטען אין אונזער שטאָדט-קאָרעספּאָנדענט פון „ראַבאָטניק" און דירעקטאָר פון „גראַנד-קינאָ" ה' קאַזשימיערז בראַוויטש א. נ. „זלאָטי אינטערעס".

די אַקציע פון דער פּיעסע איז אַ לעבהאַפטע און געפיהרט אין אַ אַמעריקאַנישען טעמפּאָ און עס נעמען אַנטייל די בעסטע קרעפטען פון קאַמעראַל-טעאַמער.

עס איז צו האָפען, אַז דאָס טשענסטאָכאָווער פּובליקום וועט צאָהלרייך בעזוכען די פאָרשטעלונג, געבענדיג די מעגליכקייט דעם אויטאָר ווייטער צו אַרבייטען אויף דעם געביעט פון טעאַטער-וועזען.

אַ דאַנסינג פון „אסכלה".

דעם קינפטיגען שבת, דעם 2 יאַנואַר קומט פאָר אַ גרויסער טאַנץ-אָווענד אין וואָנגעלישען זאַל, איינגעאָרדענט דורך דעם ספּאָרט-קלוב „אסכלה".

ספּאָרט.

פּויזנער בר - כוכבא אין טשענסט.

צוליעב דעם, וואָס די ליעבהאַבער פון באָקס זענען געווען זעהר צופרידען פון די לעצטע קאַמפען מיט דעם יודישען אַקאַדעמישען ספּאָרט-פעראיין פון וואַרשא, האָט דער טורן-און ספּאָרט-פעראיין ווידער אמאָל אַנגאַזשירט אַ יודישען פעראיין און דאָס מאָל דעם ספּאָרט-קלוב „בר-כוכבא", פּויזען, נישט קוקענדיג אויף די גרויסע הוצאות אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם אַראָבערענגען פון די ערשטקלאַסיגע באָקסער פון פּויזען. נישט נאָר צוליעב דעם פּובליקום האָט דער י. ט. ס. פ. זיי אַנגאַזשירט, נאָר כדי צו פּערמעסטען איהרע באָקסער מיט די שילער פון בעסטען פּוילישען באָקס - טרענירער שטאַם, וועלכער איז גלייכצייטיג לעהרער פון דעם פּוילישען באָקס-מייסטער „וואַרטא" פון פּויזען.

בר-כוכבא קומט מיט דער שטאַרקסטער מאַנשאַפט, ווי ראָזענבערג, וועלכער האָט ביי די לעצטע פּויזנער מייסטערשאַפטען געשפּיעלט אַ גרויסע ראָלע, דערגרייכענדיג נצחונות ביז צום האַלב-פינאַל, א. א.

צוליעב דעם האָבען די באָקסער פון י. ט. ט. פ. א זעהר שווערע אויפגאַבע, נאָר האָפענטליך וועלען זיי אויך דאָס מאָל מוטיג קעמפען און פערטיידיגען דעם כבוד פון אונזער שטאָדט.

דער אויבענדערמאַנטער מעטש האָט אַרויסגערופען אַ זעהר גרויסען אינטערעס אין די היגע ספּאָרט - קרייזען, ספּעציעל אין די נאַציאָנאַלע קרייזען, ווייל די פּויזנער בר-כוכבא איז אַ אויסגעשפּראָכענער ציוניסטישער-פעראיין.

די אַלע וואָלאָרען וועלען געוויס מיטווירקען, אַז דער מעטש וואָס קומט פאָר מאָרגען שבת 8 אָווענד, וועט צאָהלרייך בעזוכט ווערען.

פון ספּאָרט-קלוב „וואַרטאַ".

די ניי-געעפענטע באָקסער-סעקציע ביים ספּאָרט-קלוב „וואַרטא" טרענירט אונטער דעם רוטינירטען לעהרער שאָר פון לאָדז 3 מאָל אין דער וואָך צווישען וועלכע ס'איז פערהאַן אַ גוטער באָקסער-מאַטעריאַל פערגרעסערט זיך מיט יעדען טאָג.

אויך האָט דער פעראיין איינגעאָרדענט אייז אויף איהר אייגענעם פּלאַץ ביים פעראיין אַלעע קאָשטשושקי, 16, וואָס וועט דער יודישער יוגענד געבען די מעגליכקייט צו געניסען פון דעם זעהר געזונדען אייז-ספּאָרט. ביז-יעצט זענען זיי געווען געצוואונגען צו געהן אויף נישט-יודישע אייז-פּלעצער, וואו ס'האָט געהערשט אַ נישט-גינסטיגע אַטמאָספערע.

נאָכדעם ווי זונטאג איז פאָרגעקומען אַ זעהר געלונגענער טאַנץ - אָווענד „שוואַרצע קאַווע", אָרדענט איין די „וואַרטא" מאָרגען שבת ד. 26 ד. ח. 9 אָווענד אין אייגענעם לאָקאַל אַ דאַנסינג. דער זאַל איז ספּעציעל דעקאָרירט און אויך דער אייגענער אָרקעסטער איז פערגרעסערט.

טעלעגראַמע!!!

די וועלט בעוואוסטע פירמע „SCHROLL"
האָט שטאַרק רעדוצירט די פּרייזען
פון זעמטליכע ווייס וואַרען אויף וועש און בעטצייג.

„Schroll" אויסאַרבייטונגען לוינט זיך בעסער צו קויפען, ווי אַלע אַנדערע קאָנקורענץ-סחורות.

איידער איהר קויפט קוקט אָן די אויסאַרבייטונגען פון דער פירמע „SCHROLL" אין קאָמיסיאָנס-לאַגער

H. A. LIBROWICZ

I-sza ALEJA № 12.

SALON ART. „FOTO-LONIA"

ALEJA WOLNOŚCI № 1.

ליעבהאָבער פון פאָטאָגראַפיע!

אויב איהר האָט נאָך נישט בעזוכט דעם נייעם פאָטאָגראַפישען סאַלאָן

פאָטאָלאָניע, אַלעע וואָלנאָשצי 1!

ווי ס'ווערען געמאַכט די אָריגינעלסטע קינסטליכע אויפנאַמען.

קומט און איבערצייגט אייך!

פאַר שפּאָט ביליג, דאָס הייסט 12 פאָטאָגראַפיעס נאָר 3 זלאָטעס.

דער זאַקלאַד איז אָפען פון 9 פריה ביז שפּעהט אין דער נאַכט, ליכטיג און וואַרעם.

מיר גאַראַנטירען פאַר סאָלידע אַרבייט! — — — פּינקטליכע אויספירונג!

דאָס פוטער-געשעפט פון די פירמע

פּיק און זשעלינסקי

טשענסטאָכאָוו, 1 אַלעע 3

פראָנט ערשטער שטאָק

איז פערזעהען צום קומענדען סעזאָן מיט אַ גרויסען אויסוואָהל

פון אַלערליי פוטער-סחורות,

ווי פערשידענע פעל, בלאַמען, קעלנער, פעלצלעך אויך פערטיגע און בעשטעלטע דאַמען און הערען-פוטערס א. א. א.

ביליגע פּרייזען! — — — — רעעלע בעהאַנדלונג!

קומט און איבערצייגט אייך!

אַכטונג: פראָנט ערשטער שטאָק.

צום ווינטער = סעזאָן 1931-32!

איז דאָס פוטער-געשעפט

פון מיכאל איידעלמאַן

פּילסודסקי 5, פראָנט ערשטער שטאָק, טעל. 305

פערזעהען מיט אַ גרויסען אויסוואָהל פון אַלעראַרט פוטער - סחורה און איינצעלנע פעל, בלאַמען.

פערטיגע דאַמען און מענער - פעלצען.

אין מיין ערשטקלאַסיגען קירשנער-ווערקשטעל ווערען אויסגעפערטיגט אַלערליי בעשטעלונגען, שנעל, רעעל, לויט די נייעסטע מאָדען, אונטער מיין פערזענליכער אויפזיכט.

FUTRA

wszelkiego rodzaju po cenach przystępnych poleca na bieżący sezon

Maurycy KORNBERG

CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TEL. 259.

„Grand-Kino"

קאָשטשושקי גאַס.

לעצטער סעאַנס 9.40 אָוו.

גרויסער יום = טוב'דיגער פּראָגראַם!

קלאַנג-פילם אויפ'ן באָדען פון די רעוואָלוציאָנערע קאַמפּען אין יאָהר 1905

WYGNAŃCY

הויפּט - ראָלען: בראָדזיש, זאַרעמביאַנקאַ, וואַרקאָני א. א.

פּוילישע לידער זינגט אָדאַם בראָדזיש. — געוועהנליכע פּרייזען. — קלאַנג איבער'ן פּראָגראַם.

פרייטאָג, שבת און זונטאָג נאָכמיטאָג-פאָרשטעלונגען. אַלע פּלעצער צו 50 גר.

Teatr „ODEON"

אַלעע 27.

לעצטער סעאַנס 10 אָוועגר.

אויפ'ן 1 סעאַנס קריזעלע 1 זל.

הערליכע יום = טוב פּראָגראַם!

W TAJGACH SYBIRU

דראַמאַ פון לעבען פון די פּאָליטיש פערשיקטע אויף סיביר.

אין דער ראָל פון דעגראַדירטען רוסישען אָפיציר און פערשיקטען

בערנאַרד געצקע.

איבער'ן פּראָגראַם: האַלאָ, דאָ רעדט יאַראָסי!

רעקאָרד פון וויץ, הומאָר פון קעניג פון קאָנפעראַנסיאָנערען אין א הע... צווי פון ענגלישע פילם און טעאַטער-שטערנס.

ערשטער מוסטערהאַפטער קלאַנג-קינאָ

Nowości

אַלעע 12

לעצטער סעאַנס 9-30 אָוועגר.

היינט און ווייטערע טעג.

טשאַרלי-טשאַפּלין אין זיין נייסטער קרעאַציע

Światła wielkiego miasta

טראַגעדיע, וועלכע רופט אַרויס געלעכטער! דראַמאַ, אויף וועלכער מען וויינט נישט!

איבער'ן פּראָגראַם?

נישט אַכטענדיג אויף די קאָלאָסאַלע קאָסטען זענען די פּרייזען עטוואָס געהעכערט.